בס"ד / שנה ו' / פרשת וישלח / נומער 290



# קרית ברסלב

זאלן זיי שרייען פוי דערוויל

**אברהם משה שטראססער**

האסט שוין געשמייכעלט היינט?

**משה ארי' שניצלער**

פארצויגענע רוסלאנד אוקריינע מלחמה

**שמואל אייכנשטיין**

## הכנה צום שבת חנוכה אין שטעטל

עירנו

# די שטעטל פארט אויף רעדער

פון א **ליטווישער בחור צו** א הייסע ברסלב'ע חסיד / **די ערשטע הדרכה פון מוהרא"ש** / זיין אייגנטארטיגע ביזנעס פון פארעכטן קארס, באסעס און טראקס / **פון סקווירא חדר צו ברסלב'ע חדר** / הערט פון **מו"ה יצחק אפעלבוים הי"ו** זיין קאלירפילע לעבן פון אויפוואקסן אין טאראנטא ביזן וואוינען היינט אין קרית ברסלב ליבערטי. **גלגל החוזר**

# קרית ברסלב בלעטל

פרשת וישלח תשפ"ו • 290

**רעדאקטאר**
אברהם הערש וועבערמאן
**רעדאקציע**
אברהם יצחק אייזנער
שמואל בער שניטצלער
שמעון עוזר פערל
**שרייבערס**
משה ארי' שניטצלער
אברהם משה שטראססער
גרשון קרעמער
אהרן קליטניק
ישראל דוד העסקעל
יואל שניצלער
יואל נחמן גלויבער
ל. וועבערמאן
מ. פאפנהיים
ח. פ. וועבערמאן
ש. טראכטער
ג. פעקעטע
ח. שטיינבערג
ל. סאקס
**ניקוד**
יודא לייב וייס
**גרעפיקס**
ישראל העסקעל
דאמינאו גרופ



צו אדווערטייזן אדער ארייגשיקן בריוו, קאמענטארן און ענטפערס:
845-379-1161
136-Huschke Rd Hurleyville NY 12747
breslevofficeliberty@gmail.com
דעדליין ארייגצושיקן עדס איז זונטאג 1:00



כל הזכיות שמורות. עס איז נישט ערלויבט צו קאפיען שטיקלעך פונעם בלעטל אן צושרייבן פון וואו עס קומט.



צו באקומען די קרית ברסלב בלעטל:
אויף פאסט:
718.387.2691
Subscribe@kerenhadfusa.org
אויף אימעיל:
Chizikyomi@rabbiroth.org
Breslevcenter.com
Gilyoines.com
ארץ ישראל:
053.315.6938

קול ברסלב:
212.444.9191
א"י: 0797040066

אידישע שטוב:
212.444.9169
א"י: 0797040069




געטראפן סאטמארע פלייש 12


ווייטער זיין א שדכן? 13


שטעטל פארט אויף רעדער 14

10 וועלטליכע נייעס
11 א ווארט צוויי
35 ברסלב'ע שטוב
41 קינדער בלעטל


## זמנים
וישלח ט"ז כסליו

הדלקת הנרות . 04:09
מוצאי שבת ..... 05:40

**מנחה מעריב**
**פרשת וישב 5:25**








FREE SHIPPING
FOR ORDERS
$75+



This Chanuka give a real gift.

Entire store 15% off!
December 7-11

Whether you're looking for the perfect Chanuka gift, or a little something for your little bundle, stop in and find the perfect item.

babydoll
Boutique

Call For Appointment 929 210 1150

babydollny.com

בלעטל שטעלט פאר:

# פְּשָׁרָהלאָז



א העכסט דראמאטישע פארזעצונג אהערגעשטעלט
דורך אונזער טאלטפולער שרייבער **מ. מאנן**

אנגעהויבן קומענדיגע וואך בעז"ה

# פרנס החודש חשון

הרוצה בעילום שמו

לעילו נשמת נתן בן ר' נחמן

## החזקת קרן מלמדים

ראש ישיבה שליט"א
מו"ה אליעזר ברכה הי"ו
הרב ר' משה שמואל שטעסל הי"ו
מו"ה יעקב סאמעט הי"ו
מו"ה חיים יאקאבאוויטש הי"ו
הרב ר' משה גרויס שליט"א
מו"ה נח לוין הי"ו
מו"ה נחמן דוד ברנשטיין הי"ו
מו"ה אלחנן זויברמאן הי"ו

מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו
מו"ה עמרם רייכמאן הי"ו
מו"ה מרדכי היימליך הי"ו
מו"ה אריה לייב ליבערמאן הי"ו
מו"ה נתנאל לב הי"ו
מו"ה איציק מענדעלאוויטש הי"ו
מו"ה בעריש קרויס הי"ו
הרב ר' יצחק פאפנהיים הי"ו
מו"ה משה קליין הי"ו

הרב ר' יוסף סאקס הי"ו
מו"ה יעקב רוזנאי הי"ו
מו"ה שמעון פרידלנד הי"ו
מו"ה אהרן שלזינגער הי"ו
מו"ה שמעון עחר פערל הי"ו
מו"ה שלום לוין הי"ו
מו"ה שמואל מרדכי יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה אהרן גולדשטיין הי"ו
מו"ה ישראל דוד ברוקמן הי"ו

## נר למאור

מו"ה פייוול ראזענוואסער הי"ו
מו"ה משה בראדי הי"ו
מו"ה זושא פרידמאן הי"ו
מו"ה יצחק אהרן ווייבערג הי"ו
מו"ה יוסף פרידמאן הי"ו
מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו
הרב ר' יואל טייטלבוים הי"ו
מו"ה הלל ווייס הי"ו
מו"ה אליעזר שמן הי"ו
מו"ה משה איינהארן הי"ו
מו"ה יהודה ברילל הי"ו

מו"ה אליהו לב הי"ו
מו"ה אהרן גוטמאן הי"ו
מו"ה דוד מאיר זקלי הי"ו
מו"ה חיים אליעזר פויגל הי"ו
מו"ה משה יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה ישראל סופר הי"ו
מו"ה רפאל יעקב גוטמאן הי"ו
מו"ה יצחק וואקסבערגער הי"ו
מו"ה משה וויינבערגער הי"ו
מו"ה נפתלי יאקאבאוויטש הי"ו
מו"ה יואל לעווי הי"ו

מו"ה יצחק שמואל פרנקל הי"ו
מו"ה ישראל מאיר קארסיאנסקי הי"ו
מו"ה יואל קרויס הי"ו
מו"ה משה שמעון רכניצער הי"ו
מו"ה יצחק ראטה הי"ו
מו"ה שמואל קלצקין הי"ו
מו"ה אהרן סאמעט הי"ו
מו"ה משה יצחק לעמבערגער הי"ו
מו"ה נפתלי גולד הי"ו
מו"ה יעקב בלוך הי"ו
מו"ה אברהם דוד אנשין הי"ו

די ישועות קוואל איז אפן:
רופט דער גבאי
347 466 2410

מוסדות היכל הקודש בארץ הקודש
אלקא דמאיר ענני

ישועות ביי רבי מאיר

*sruliHeskel

# פיצטל.

# זאלן זיי שרייען פוי דערווייל

איר כאפט נישט דעם קעפל זע איך... נישט געזארגט... עס איז א גוטע סימן גראדע...איך האב א שטיקל טשעק ליסט איבער אייך... איר זענט פארהייראט (חתונה געהאט) איר האט א ווייב, קינדער, א סטאבילע דזשאב, זענט נישט גע'גט... נו ווי זאלט איר אנקומען צו דעם קליפ.

אויב איך מעג וועל איך דא געבן א שטיקל העדס אפ פאר די פאנאטישע וואס קאכן זיך ב"ה נישט אין סאציאלע מידיא פון וואס מיר רעדן דא.

געווען איז דאס מיט געציילטע וואכן צוריק ווען אידישע קינדער פון איבעראל זענען זיך צאגעקומען אין מאנהעטן קעגן איבער דעם איזראעליער קאנסול צו פארשרייען דאס וואס זיי טוען מיט אונז, און דאס וואס זיי האבן געטון פאר אכציג יאר צוריק, בראשם די עסקנים פון קהילות סאטמאר, וואס האבן קלאר געשטעלט אז נישט נאר יעצט ווען עס גיוס'ט צעך כפירות און אפיקרסות שרייען מיר, נאר די גאנצע טעות וואס מען האט געמאכט פון פארכאפן א לאנד אוועקנעמען פון אידישע קינדער, און דאס איבערגעבן פארן ערב רב, דארט איז ווי די צרה האט זיך אנגעהויבן, און ווילאנג דאס וועט נישט געלעזט ווערן וועלן די קאנסוקווענצן זיין אקוראט דאס וואס אלע צדיקים האבן פאראויס געזאגט אז דארט וועט זיין.

איז יעצט דארט האט זיך אפגעשפילט א סצענע וואס האט אויפגערידערט אלע פארשלאפענע צעלן פון די יושבי חושך וצלמוות, די אונטערערדישע קינדערגארטן וואס ווערט געריפן סטערעס (סטאטוס)...

דארט איז געווען איינס פון די רעדנערס א חשובער ראש ישיבה, וואס האט געגעבן זיין פארטראג, אבער ווי געווענטליך אין אזעלכע פעלער ווען עס איז נישט מעגליך צוצושטעלן אן אויבן אן, און די בעלי דרשנים ווילן זען דעם עולם און דער עולם וויל זען די בעלי דרשנים, זעצט מען אריין דעם בעל דרשן אין א טשערי פיקער (מער באקאנט אלס אן עירוב טראק...) און מען פארט ארויף אין די הויכע ספערן און פון דארט רעדט מען צום עולם.

דא איז געשען א ערשיינונג, דער בעל דרשן איז פארכאפט געווארן אינמיטן רעדן, ער האט זיך פשוט נישט געקענט דערמאנען ווי אין דער וועלט ער האלט מיטן דרשה, וויפיל ער האט פראבירט צו גיין ווייטער האט ער פשוט נישט מצליח געווען, ווען ער געבט א רוים אריין פארן גבאי "זאלן זיי שרייען פוי דערווייל", (פאר די וואס זענען נאך קיינאל נישט געווען ביי פראטעסט, דאס איז וואס מען שרייט כסדר צווישן די דרשות, ווען מען פראטעסטירט, עס הילכט אפ א פוי ווי ס'דארף צו זיין אויף ווייטע שטרעקס) אזוי ארום האט יענער געווינען צייט זיך צוריקכאפענדיג צו ווי ער האט געהאלטן

אבער דאס איז ווי א קליין שטורעם אין א גלעזל וואסער... און עס האט - ווי געזאגט - געמאכט א רודעריי אינעם וואלקן קינדערגארטן.

א צווייטע נישט אזא באקאנטע שטורעם איז געשען, אבער מיט פונקט פארקערטע דעטאלן, איז הערט אויס.

דער יונגערמאן זיצט אין זיין אפיס, גארנישט שלעכט, אזא געווענטליכע טאג ביי דער ארבעט, און פלוצלינג ער ווייסט אויך נישט ווי ער איז דא אנגעקומען, עס איז בכלל נישט ער, ער וויל עס נישט, ער פילט ווי א דראנג ארום זיין האלז איינער דערווערגט אים, ער איז באצווינגען, ער זיצט דא אבער נישט הויך הויך אויפן טשערי פיקער, נאר טיף טיף אין שאול תחתית, ער איז אנגעקומען דארט, עס איז נישט דא ווי צו אנטלויפן, פייערן ברענען פון אלע זייטן און ער שטייט אינדערמיטן... קרח מכאן און מכאן... ער קוקט רחמנא ליצלן, ער איז אריינגעפאלן מיט א שרעקליכע חברותא'שאפט, ער טרעפט זיך אין געמיינע פלעצער, ער דערזעט זיך מיט דאס ערגסטע פון די ערגסטע, ווי גייט

נקודות וואס דערגרייכן דאס פינטעלע איד

## הרב אברהם משה שטראססער

מען דא ארויס ווי אנטלויפט מען דא פונעם סיטואציע,

**זאלן זיי שרייען פוי דערווייל**

נישט דא וואס צו טון, נישט דא וואס צו מאכן, ביזי בזיונות, געדענק דו ביסט שוין יא סטאק דארט, ביז דערווייל זאלסטו שרייען אוי, דערווייל געדענק דער אייבערשטער איז דארט אין שאול תחתית, און ער ווארט זיך זאלסט אים דערציילן פונקטליך וואס דו טוסט ווי די ביסט, נישט שפעטער (שפעטער אויך אבער...) יעצט וועו דו האסט דיך באקוועם געמאכט אין שאול תחתית, ביז דערווייל זאל מען שרייען "אייבערשטער איך וויל עס נישט, אייבערשטער איך בין פארכאפט ביים יצר הרע, אייבערשטער איך וויל זיין ערליך, איך וויל זיין גוט." רעד רעד דערצייל דערצייל.

שרייען מוז מען נישט אז עס זאל אפהילכן אויף הונדערטע גאסן ארום, שרייען קען מען שטיל, און פון ווי טיפער און שטילער די ווי געשריי קומט, אלס שטערקער קומט עס אן עס גרייכט עס שפאלט הימלן.

**זאלן זיי שרייען פוי דערווייל**

דערווייל וועו דו ביסט דארט אין די ארגסטע פלאץ, מאך נישט שלום מיטן מצב, טראכט נישט: איך האב דאך דאס ליב, איך ווארף אלעס אוועק שטילערהייט, ווי דער עבד זאגט נעבען "אהבתי את אדני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי", איך וויל נישט ארויסגיין בכלל פון דא, עס איז מיר געשמאקער פון תורה פון תפילה פון נארמאלע לעבן.

**זאלן זיי שרייען פוי דערווייל**

ניין ניין און ניין שריי פוי, דאס בין איך נישט, איך עקל מיך פון עבירות, איי עס איז דאך א ליגענט, ניין ניין דאס איז דער אמת, קיין שום איד וויל נישט קיין עבירות, א אידיש קינד עקלט זיך פון זאכן וואס זענען קעגן די תורה

וועו נישט באקוועם מיט דיין מצב, אז דו ווייסט נישט וועו דו ביסט.

דו ביסט דיין נשמה און דער גוי וואס זיצט אין דיר האט ליב די שלעכטע זאכן וואס ער טוט אין דיר, אבער "איך" אני השם אלוקיכם אמת איך איז דער אייבערשטער און דאס איז דער אמת.

> האסט נישט געהערט דער יצר הרע זינגען **"איי דאונט ניד יור עבירה, איי דאונט ניד יור עבירה, די אולני טינג איי ניד איז יו".** ער דארף נישט די עבירה ער דארף דיך.

דו עסט חזיר זאל עס נישט רינען אויפן בארד.

**זאלן זיי שרייען פוי דערווייל**

נישט געזארגט עס איז נאך דערווייל, ווייל אז דו וועסט שרייען פוי דו וועסט זאגן אייבערשטער איך וויל נישט, איך וויל זיין א איד, וועסט באלד זיין פון די טייערסטע פון די בריאה, וועסט אנקומען אויף פלעצער וואס קיין שום צדיק קען דארט נישט אנקומען, אבער דערווייל שריי, דערווייל ניץ די געוועהר וואס קיינער האט נישט, די מויל, יא פון שאול תחתית שריי ארויס.

איך גיי אנגעטון ווי איך גיי אנגעטון, איך האב עס ליב, עס איז פעשין... אבער אויך זייער נישט איידל, פאר דיינע חבר'טעס זאלסטו זאגן וואאוו וויי באמבלבי... אבער צווישן דיר און דער אייבערשטער זאלסטו שרייען פוי, און אפילו דו האלסט ווייט ווייט נישט דערביי זאלסטו ווילן אז טרעפסט זיך מחלל שבת זיין, און עס איז דיר באקוועם די לעבן, זאג פארן אייבערשטן איך וויל זיין גוט איך וויל זיין וואויל.

ווייל דער יצר הרע קומט מיט א בעקיטשע (אן עבירה) אבער ער דארף נישט די בעקיטשע (די עבירה) ער דארף דיך, ער וויל דאס טאקע דאס אז דו זאלסט זאגן איך האב ליב די עבירה, האסט נישט געהערט דער יצר הרע זינגען "איי דאונט ניד יור עבירה איי דאונט ניד יור עבירה, די אולני טינג איי ניד איז יו". ער דארף נישט די עבירה ער דארף דיך, ער וויל אז נאך צען צוואנציג הונדערט טויזנט מאל טון די עבירה זאלסטו זאגן "אהבתי את אדוני את אשתי ואת בני לא אצא חפשי", איך האב עס ליב אבער דער רבי הרג'עט זיך מיט די יצר הרע און זאגט **זאלן זיי שרייען פוי דערווייל**

# אידענו

## קיאסק

נאך אסאך ארבעט וואס די הנהלה האט איינגעלייגט אינעם בנין פונעם קיאסק-באזאר, זענען מיר פרייליך צו מעלדן די פאלגעדע פארבעסערונגען וואס מיר האבן געמאכט מיטן אייבערשטנס הילף.

מיר האבן פאררארכטן עטליכע קאמפיוטערס וואס זענען צובראכן געווארן.

מיר האבן ארויפגעלייגט אויף צוויי קאמפיוטערס די פילטערס פון די קאמפאני "נעטפרי".

מ'האט פאררארכטן די פעקס מאשין, עס איז א סערוויס וואס מען קען נוצן פריי פון אפצאל.

פאר סי וועלכע הערות אויפן קיאסק קען מען זיך ווענדן צו מו"ה נח הערש ווייס הי"ו

## באזאר אפדעיטס

די קרעדיט קארד מאשין וואס מיר האבן איינגעשטעלט איז שוין אויפגעסעט געווארן

מען קען שוין באצאלן מיט ביפעי, די ביפעי קאוד איז pc17

אויך קען מען שוין באצאלן מיט א זעלל

Couture.Perrelles@gmail.com

מיר באקומען כסדר אריין אסאך נייע קליידער. מיר בעטן זייער בכל לשון של בקשה פון אלע חשובע איינוואוינער נישט צו אריינגיין אין די זייטיגע צימער עפענען בעגס, עס מאכט זייער שווער פאר די וואלונטירן וואס קומען העלפן.

די הנהלה קוקט אויך אריין אין א געדאנק פון עפענען אן אפטיילונג פאר מענער קליידונג.

די הנהלה זוכט א פלאץ פאר סטארידזש צו קענען האלטן דארט זאכן פאר די באזאר, ווער עס האט א פלאץ וואס ער איז גרייט צו אוועקגעבן פאר די באזאר זאל זיך ביטע מעלדן צו מו"ה מרדכי אהרן היילפרין הי"ו.

## שבת חנוכה

אין די טעג גרייט מען זיך שוין צו שבת חנוכה, וואס עס קומען צו פארן אסאך אנשי שלומינו פון איבעראל מיטצוהאלטן דעם שבת צוזאמען מיטן ראש ישיבה שליט"א. פארשטייט זיך אז די אלע זוכן אכסניות.

מיר בעטן פון אלע טייערע חברים וואס וואוינען נאנט צום בית המדרש אויף האשקי און ווילן אריינגעמען געסט אויף שבת חנוכה, צו געבן ערשט די דירות פאר די ווילעדזש איינוואוינער וואס ווילן קומען זיין נאנט צום בית המדרש.

עס איז ראטזאם קודם זיכער צו מאכן אז אלע ווילעדזש איינוואוינער האבן ווי צו זיין פאר שבת, און נאכדעם אריינעמען די וואס ווילן נישט דארפן גיין א לאנגע וועג צ.ב.ש. פון ירושלים אדער מארקס.

מודעות און
קרישקעלעך
פון די הנהלה

**חברי הנהלה**



**קיאסק - באזאר בנין אויף טווין ברידזש**

## ברוכים הבאים

מיט גרויס פרייד טוען מיר אויפנעמען די חשוב'ע משפחה

# מו"ה ארי בערגער הי"ו
### וזוגתו גיטל תחי'

וואס האבן זיך אריינגעצויגן אין שטעטל

## קרית ברסלב ליבערטי

דער אייבערשטער זאל העלפן עס זאל זיי זיין א ישוב טוב, זיי זאלן האבן הצלחה וברכה בכל מעשי ידיהם, און זיי זאלן קענען אויפציען דא די קינדער אויף די וועגן פונעם הייליגן רבי'ן.

## פראפעין פרייזן

יעצט ווען די ווינטער קומט אן, איז וויכטיג צו זיכער מאכן סיי פאר די וואס האבן פראפעין און סיי פאר די וואס האבן אויל, אז מען האט די בעסטע פרייזן און סערוויס.

די ביליגסטע קאמפאניס פאר פראפעין זענען, SOS Propane, זיי בעטן $1.39 פאר א גאללאן אויב מען נעמט 750 גאללאן א יאר. 845-581-0988.

זיי נעמען heap Regular נישט heap Emergency.

נאך א קאמפעניי איז Suburban Propane זיי בעטן $1.399 א גאללאן.

זיי נעמען נישט קיין היעפ. 845-469-2171.

פאר אויל איז נישט שייך קיין פרייזן ווייל עס טוישט זיך ממש יעדע וואך, פאר איר באשטעלט אנצופילן אייער טאנק, מאכט זיכער ארומצורופן עטליכע קאמפעניס צו באקומען די ביליגסטע פרייז.




## פרישע מעגליכקייט פאר שלום צווישן רוסלאנד און אוקריינע

די מלחמה צווישן רוסלאנד און אוקריינא, שלעפט זיך שוין ארום פאר אפאר יאר, עס גייט שוין ארויס פון די נאז, עס פאלן נעבעך קרבנות פון ביידע זייטן טאג טעגליך, און ליידער ליידער ליידן אידן דערפון, סיי אין אוקריינא, און אזוי אויך אידן וואס וויל אריינפארן קיין אוקריינא, ובפרטיות די אידן וואס ווילן פארן צום הייליגן רבי'ן קיין אומאן. אבער ביזדערווייל זעט זיך נישט אן קיין צייכענעס אז פוטין אדער זעלענסקי זאלן וועלן מוותר זיין און קומען צו א שלום אפמאך.

פרעזידענט טראמפ האט א שטארקע ווילן צו ענדיגן דעם רוסלאנד אוקריינישע קריג

נאך יארן וואס עס גייט אן און מאכט שווער פאר אונז אלע צו פארן אויף אומאן ראש השנה.

פרעזידענט טראמפ האט געמאלדן פארגאנגענע וואך פון איין מינוט אויפן צווייטן אז ער גייט שוין יעצט ענדיגן דעם קריג און פארגעשלאגן פאר אוקריינע א פלאן ווי אזוי צו ענדיגן דעם קריג מיט א לאנגע 28 פונקטן וואס עס דארף געשען פאר שלום.

אוקריינע האט געמאלדן עטליכע טעג שפעטער נאכן איבערקוקן דעם פלאן, אז זיי נעמען נישט אן דעם פלאן, וואס פארלאנגט זיי זאלן אויפגעבן גרויסע שטחים פון זייער לאנד, און אויך האט עס נישט גענוג א שטארקע פארזיכערונג אז רוסלאנד וועט נישט נאכאמאל אינוואדירן אוקריינע ווען עס וועט זיי אנשמעקן נאכאמאל.

טראמפ האט רעאגירט מיט גרויס אויפברויז און געסטראשעט אז ער וועט אפהאקן אלע הילף וואס ער שיקט זי.

למעשה האט אוקריינע באשלאסן אז מיט אמעריקע וואס העלפט אזוי סאך ארויס הייבט מען זיך נישט אן, און געמאלדן אז זיי ווילן זיצן אויף א מיטונג מיט די אמעריקאנע באאמטע.

פארגאנגענע סוף וואך איז טאקע פארגעקומען דעם ערשטן זיצונג ווי די אוקריינישע גענעראלן האבן פארשטיין געגעבן פאר די אמעריקאנע דיפלאמאטן אז די לעצטע פלענער איז נישט אקצעפטירבאר און אז אוקריינע קוקט דאס אן ווי א גענצליכע קאפיטולאציע.

זיי האבן פארגעשלאגן צו זיצן מיט אמעריקאנע דיפלאמאטן צו נעמען דעם פלאן און עס אביסל ארומטוישן כדי דאס צו מאכן אויספירבאר. און טאקע נאך עטליכע טעג פון זיצונגען זענען זיי צוריקגעקומען מיט א קלענערע 24 פונקטן פלאן וואס זיי האבן געבעטן מען זאל פארשלאגן פאר רוסלאנד

ווי עס האלט יעצט זיצן די אוקריינישע מיט די אמעריקאנע דיפלאמאטן א יעדן טאג אויף זיצונגען צו העלפן אויספירן דעם שלום פלאן.

וויטקאף דער פארשטייער פון אמעריקע האט געמאלדן אז ער גייט אפרייזן קיין מאסקעווע צו פארשטעלן דעם פלאן פאר די רוסישע איינגערעדעטע פירער פוטין.

דאס איז וואס ס'טוט זיך דא אונטן, אבער די ריכטיגע פלענער קומט פאר אויבן, דער אייבערשטער פירט יעדע ריר, און עס ליגט נאר אין זיינע הענט, לאמיר אלע בעטן דעם אייבערשטן אז די קריג זאל זיך שוין ענדיגן וואס אמשנעלסטן, און מען זאל קענען פארן צום הייליגן רבי'ן גרינגערהייט, אן אזא לאנגע טלטול הדרך.

**ועל המדינות בו יאמר!**

# א ווארט צווייי

זאגן וואס
פארדינען
שטערכלער

**בערל שניצלער**

## דאס איז אויך פאר דיין טובה

"איין טאג האט זיך א אינגערמאן אנגערופן צו דער ראש ישיבה: "א שאד איך קען נישט געבן אן אנלימיטעד קארטל פאר מיין ווייב אז ווען זי וויל זאל זי האבן וויפיל געלט זי דארף און איינקויפן וואס זי דארף גרינגערהייט", האט אים דער ראש ישיבה געפרעגט: "ווילסט דרייוון אן עראפלאן?" זאגט דער אינגערמאן: "אן עראפלאן? קוים וואס א קאר קען איך דרייוון...", זאגט אים דער ראש ישיבה: "דעמאלט ווי אזוי טראכסטו אז דו קענסט פירן די וועלט...?! דער אייבערשטער פירט די וועלט, און אלעס האט א פינקטליכע חשבון, ווי אזוי און אויף וועלכע וועג עס דארף זיך פירן, און אז דו האסט נישט קיין אנלימיטעד קארטל איז דאס אויך פאר דיין טובה."

**- ר' יואל שניצלער**

## איבערגייאכטס

לעצטנס גייט אריבער אויף מיר זייער אסאך, עס גייט אריבער אסאך בלעטער גמרא און אסאך פרקים משניות...

**- ר' ברוך אפעלדארפער אין אן אינטערוויו מיט ר' יואל טייטלבוים**

## איבערזאגן נאכאמאל

"א מלמד האט מיר געפרעגט: "איך האב אין מיין כתה א אינגל וואס ווען ער רעגט זיך אויף, שרייט ער קללות נמרצות, ער שרייט: 'גלח! רשע!' איך האב שוין געהאלטן א דרשה אז מען טאר נישט ניצן די סארט ווערטער, און א טאג דערויף האט ער זיך ווידער אויפגערעגט און ער האט ווייטער געשריגן מיט די ווערטער, דער ראש ישיבה האט עפעס אן עצה?" זאג איך אים: "יא; די עצה איז, דו זאלסט נאכאמאל רעדן פון דעם! זאג פאר די קינדער נאכאמאל און נאכאמאל אז מען טאר נישט זאגן דעם ווארט 'רשע' אויף א צווייטן איד, און אויב נאך די דרשה זאגן זיי עס ווייטער, זאלסטו עס נאכאמאל איבערזאגן".

צופעליג דער מלמד, באדאנקט זיך פאר מיר יעדע וואך אז די 'ליל שישי שיעור' האט אים ממש געראטעוועט, עס האט אים געגעבן חיזוק צו רעדן שיין אינדערהיים און צו זאגן משניות וכו', זאג איך פאר'ן מלמד: "וואס באדאנקסטו זיך אזוי יעדע וואך נאכן ליל שישי שיעור, איך האב דאך שוין פאריגע וואך געזאגט די זעלבע זאכן, אז מען דארף רעדן שיין אינדערהיים און אז מען דארף לערנען יעדן טאג; די זעלבע זאך זאלסטו טון מיט דעם קינד, זאלסט אים איבערזאגן נאכאמאל נאכאמאל און נאכאמאל אז מען טאר נישט ניצן די סארט ווערטער"..."

**- פארגאנגענעם גליון שיעורי חינוך**

## דער ראש ישיבה האט געזאגט

### אמונה פון די יוגנט

"דער רבי' זאגט אז עס איז דא איין עצה אויף די אלע מענטל פראבלעמען, ענקזייעטי, פחדים, פאניק אטאקעסוכו' - חזר'ן אמונה, זיך זינגען ניגונים פון אמונה.בעסער וואלט געווען ווען מען זאל חזר'ן מיט די קינדער ניגונים פון אמונה ווען זיי האבן נאכנישט קיין פראבלעמען, פון די יוגנט זאל מען זינגען מיט זיי טאג און נאכט פונעם אייבערשטן, עס זאל זיין אזוי שטארק אריינגעבאכעט אמונה אין זייער הארץ, אז שפעטער געשעט עס נישט."

**- שיעור פאר די אידישע שטוב פרשת ויצא**



# מעשיות פון תפילה

## קלמן אליעזר עגמי

איך האב געדארפט מאכן אן אינספעקשן אויף מיין קאר, איך האב מורא געהאט אז עס וועט מיר קאסטן אסאך געלט, ווייל מען וועט לכאורה דארפן פאררעכטן אסאך זאכן.

איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל מיר גישט קאסטן, איך זאל נישט דארפן גארנישט פאררעכטן כדי צו האבן די אינספעקשן.

ברוך השם עס איז אדורך בשלום. מען האט גארנישט געדארפט פאררעכטן.

## יואל הכהן לאנדא

מיין טעלעפאון איז צובראכן געווארן, מען האט גארנישט געקענט זען אויפן סקרין. איך האב געבעטן דעם אייבערשטן עס זאל זיך אנצינדן און עס זאל ארבעטן ווי עס דארף צו זיין.

ברוך השם אז עס האט אנגעהויבן צו ארבעטן אביסל, און נאך א שטיק צייט האט עס אנגעהויבן ארבעטן געהעריג פיין.

## א איד פון פלארידא

איך בין א איד פון 65 יאר. אין די טעג בין איך אין פלארידע, זיך אביסל אפצוריען אין די ווינטער טעג אויף א מחלה וואס איך האב ליידער אין די מויל. איך האב זייער שטארק געוואלט האבן סאטמארע פלייש, אבער וואו שאפט מען דא סאטמארע פלייש?

איין טאג האט מיין ווייב געטראפן א מיידל וואס וואוינט דארט א גאנץ יאר, זי האט געזאגט אז זיי האבן די פלייש נאכנישט געעפענט. זי איז געגאנגען פרעגן אין שטוב אויב מען קען דאס פארקויפן, און זיי האבן געזאגט אז יא.

אזוי אויך בעט איך ווייטער דעם אייבערשטן איך זאל האבן א גאנצע רפואה אויף די מויל, און דער אייבערשטער גייט זיכער העלפן.



# זָאל אִיךְ וַוייטֶער אָנְגֵיין מִיט שַׁדְכָנוּת?



## שאלה

**לְכָבוֹד דֶער רֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א,**

**אִיךְ הָאבּ חֲתוּנָה גֶעהַאט נִישְׁט לַאנְג צוּרִיק, אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט גֶעהַאט קַיין פַּרְנָסָה, הָאבּ אִיךְ פְּרוּבִּירְט צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן. אִיךְ הָאבּ אָנְגֶעטְרָאגְן צְוֵויי שִׁידוּכִים וָואס בֵּיידֶע זֶענֶען בָּרוּךְ ה' גֶעוָוארְן, אָבֶּער בַּיי אֵיין שִׁידוּךְ הָאבְּן בֵּיידֶע צְדָדִים בִּכְלַל נִישְׁט בַּאצָאלְט, אוּן בַּיים צְוֵוייטְן שִׁידוּךְ הָאט נָאר אֵיין זַייט גֶעצָאלְט פִינְף הוּנְדֶערְט דָאלֶער, אוּן גֶעזָאגְט אַז וֶוען עֶר וֶועט הָאבְּן וֶועט עֶר גֶעבְּן מֶער.**

**אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁטַארְקֶע עַגְמַת נֶפֶשׁ דֶערְפוּן וַוייל אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר שְׁוֶוער גֶעאַרְבֶּעט פַאר בֵּיידֶע שִׁידוּכִים אוּן אִיךְ וֵוייס נִישְׁט צִי אִיךְ זָאל וַוייטֶער מַמְשִׁיךְ זַיין אַזוֹי? יְיַשֶׁר כֹּחַ**

**בְּעֶזְרַת ה' יִתְבָּרַךְ - יוֹם א' פַּרְשַׁת וַיִּשְׁלַח, י' כִּסְלֵו, שְׁנַת תש"פ לִפְרָט קָטָן**

לְכָבוֹד ... נֵרוֹ יָאִיר.

אִיךְ הָאבּ עֶרְהַאלְטְן דַיין בְּרִיוו.

וואוֹיל אִיז דִיר אַז דוּ בִּיסְט עוֹסֵק אִין אַזַא הֵיילִיגֶע אַרְבֶּעט, צוּ זַיין אַ שַׁדְכָן; דֶער רֶבִּי הָאט דֶערְצֵיילְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן, סִימָן פד) אַז עֶר הָאט גֶעפְרֶעגְט אִין הִימְל וָואס וֶועט זַיין זַיין פַּרְנָסָה? הָאט מֶען אִים גֶעעֶנְטְפֶערְט: "דוּ וֶועסְט זַיין אַ שַׁדְכָן"; מוֹהֲרָא"שׁ זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה זָאגְט: "פַארְוָואס הָאט דָאס דֶער רֶבִּי אוּנְז דֶערְצֵיילְט? וַוייל דֶער רֶבִּי ווִיל אַז מִיר זָאלְן אִים נָאכְמַאכְן מִיט אַלֶע זַיינֶע זַאכְן; מִיר זָאלְן נָאר עוֹסֵק זַיין אִין אוֹיפְשְׁטֶעלְן אִידִישֶׁע שְׁטוּבֶּער פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן".

מוֹהֲרָא"שׁ הָאט זַיין גַאנְץ לֶעבְּן עוֹסֵק גֶעוֶוען אִין מַאכְן שִׁידוּכִים; מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט אִין זַיין צַוָואָה (אוֹת יז): "בָּרוּךְ ה' אִיךְ הָאבּ אַ חֵלֶק אִין אִיבֶּער צְוֵויי טוֹיזְנְט קָאפְּלְס וָואס אִיךְ הָאבּ זוֹכֶה גֶעוֶוען צוּ זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן זֵיי חֲתוּנָה מַאכְן, אוּן ווִי לַאנְג אִיךְ לֶעבּ בֶּעט אִיךְ דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אַז אִיךְ זָאל קֶענֶען זַיין דֶער גוּטֶער שָׁלִיחַ אוּן מַאכְן נָאךְ שִׁידוּכִים פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ אוּן מִיט דֶעם זֵיי רַאטֶעוֶוען פוּן עֲבֵירוֹת"; מִיר דַארְפְן נָאכְגֵיין דִי וֶועגְן פוּן מוֹהֲרָא"שׁ צוּ טוּן פַאר בָּחוּרִים אוּן מֵיידְלֶעךְ, מַאכְן שִׁידוּכִים.

אַז דוּ וֶועסְט מַאכְן שִׁידוּכִים פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְס וֶועגְן, דוּ וֶועסְט נִישְׁט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט - וֶועסְטוּ מַצְלִיחַ זַיין, אָבֶּער אַז דוּ וֶועסְט אִינְזִין הָאבְּן גֶעלְט וְכוּ' וֶועסְטוּ הָאבְּן חֲלִישׁוּת הַדַעַת בִּיז דוּ וֶועסְט דָאס אָפְּלָאזְן. מוֹהֲרָא"שׁ שְׁרַייבְּט מִיר אִין אַ בְּרִיוו בַּיים עֶפֶענֶען דִי מֵיידְל סְקוּל "בֵּית פֵיגָא", אַז עֶס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים, וֶוען מֶען טוּט אַ זַאךְ מִיטְ'ן כַּוָונָה פַארְ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס וֶועגְן, דֶעמָאלְט אִיז מֶען מַצְלִיחַ, אָבֶּער אוֹיבּ מֶען הָאט אִינְזִין כָּבוֹד אָדֶער גֶעלְט הָאט דָאס נִישְׁט קַיין קִיוּם, דָא הָאסְטוּ דֶעם לָשׁוֹן פוּנֶעם בְּרִיוו (אֲשֶׁר בַּנַּחַל בְּאִידִישׁ, מִכְתָּב שסח):

*"עֶס אִיז בַּאוואוּסְט אַז דֶער הֵיילִיגֶער סַאטְמַאר רָב זִי"עַ, בַּעַל "דִבְרֵי יוֹאֵל", הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן זַיין מֵיידְל שׁוּלֶע "בֵּית רָחֵל" מִיט צְוֵויי תַּלְמִידוֹת, אוּן עֶס אִיז צוּוַואקְסְן גֶעוָוארְן אַ גַאנְצֶע אִימְפֶּערְיֶע, קָרוֹב צוּ צֶען טוֹיזְנְט מֵיידְלֶעךְ כֵּן יִרְבּוּ, דָאס אִיז מְקוּבָּל פוּן צַדִיקִים אַז יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען טוּט מִיט מְסִירוּת נֶפֶשׁ אוּן מִיט אֶמֶת, הָאט הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט אִינְזִינֶען זִיךְ וְכוּ', יֵשׁוּת וְכוּ', פִּרְסוּם וְכוּ', אִיז צוּם סוֹף פַאלְט דָאס אַוֶועק אוּן סְ'וֶוערְט בָּטוּל וּמְבוּטָל כְּעַפְרָא דְאַרְעָא, אִיבֶּערְדֶעם וַוייל קַיין שׁוּם מוֹסָד ווִיל נִישְׁט אַרַיינְנֶעמֶען אוּנְזֶערֶע טֶעכְטֶער, וַוייל זֵייעֶרֶע זִין לֶערְנֶען אִין אוּנְזֶער תַּלְמוּד תּוֹרָה, זֶע אִיךְ נִישְׁט קַיין אַנְדֶערֶע עֵצָה, נָאר אוֹיפְמַאכְן אַ מֵיידְל שׁוּלֶע, מֶען דַארְף אָנְהֵייבְּן מִיט קְלֵיינֶעם, נִישְׁט מִיט קַיין גְרוֹיסְן סְטֶעף, וֶועט מֶען הָאבְּן גְרוֹיס הַצְלָחָה.*

*אִיךְ בֶּעט דִיךְ זֵייעֶר דוּ זָאלְסְט זִיךְ זֶען מְבַטֵּל זַיין אִינְגַאנְצְן צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן זָאלְסְט גוּט גֶעדֶענְקֶען, כָּל זְמַן מֶען הָאט זִיךְ אִינְזִינֶען וְכוּ' וֶוערְט לֶעכֶער פוּן אַלֶע זַייטְן וְכוּ', אוּן עֶס רִינֶען אַרוֹיס דִי הַשְׁפָּעוֹת וְכוּ', אוּן מֶען וֶוערְט פַארְפְלָאנְטֶערְט אִין אַלֶע עֶרְלֵיי פַארְפְלָאנְטֶערְנִישְׁן, אָבֶּער וֶוען אַ אִיד אִיז זוֹכֶה אוּן עֶר אִיז זִיךְ אִינְגַאנְצְן מְבַטֵּל צוּם בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אוּן עֶר ווִיל גָארְנִישְׁט נָאר טוּן דֶעם רָצוֹן פוּן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, דֶער הָאט נִישְׁט קַיין מוֹרָא פוּן קַיין מֶענְטְשׁ אוֹיף דֶער וֶועלְט, אוּן דָאס קֶען זַיין דִי כַּוָּונָה וָואס עֶס שְׁטֵייט אִין דִי וָואכֶעדִיגֶע סֶדְרָה (בְּרֵאשִׁית ו', ט') "אֶת הָאֱלֹקִים הִתְהַלֶּךְ נֹחַ" נֹחַ אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאר מִיטְ'ן בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים, אִיבֶּערְדֶעם הָאט עֶר נִישְׁט מוֹרָא גֶעהַאט פוּן קֵיינֶעם נִישְׁט".*

**דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן זָאלְסְט מַצְלִיחַ זַיין אִין אַלֶע דַיינֶע וֶועגְן.**

*עצתו אמונה ויצא תש"פ*



ישראל דוד העסקעל

# אריינפיר

די באשיידענע געשטעל וואס באשיינט אונזער קהילה, די פשוטע אויסזען פון אינדרויסן וואס באהאלט אבער גאר פיל אינטער דעם פשוטן געשטעל. דער באקאנטער מעכאניקער וואס איז באקאנט געווארן פאר די שטעטל איינוואוינער אין די לעצטיגע טעג.

מיר דעקן אויף דעם שלייער וואס ליגט אונטער די פערזענליכקייט פון מו"ה יצחק אפעלבוים הי"ו, פון זיין ליטווישע ערציאונג אין טאראנטא קאנאדע, ביז צום ווערן א פלאם פייערדיגער ברסלב'ער חסיד און תלמיד פון מוהרא"ש זי"ע, און היינט איז ער מיט זיין גאנצע משפחה ביים ראש ישיבה שליט"א.

ר' יצחק שילדערט ווי אזוי - אויב נעמט מען אן די ווערטער פון א צדיק בתמימות ובפשיטות, דאן קען מען גאר גרינג און געשמאק אריבער שווימען דעם אנלויף פונעם לעבן.

אזוי אויך די שוועריקייטן פון א ליטווישער אידל צו ווערן א ברסלב'ער חסידישער איד.

ליינט ווי אזוי דער חסידישער אינגערמאן איז אנגעקומען צו זיין א מעכאניקער און פאררעכנט קארס פאר פרנסה.

געפארן קיין אומאן איינער אליין פארלוירן, און היינט פארט ער מיט זעקס קינדער אויפאמאל. פון דעם לעיקוואוד'ער סדר החיים ביזן זיך ציען קיין שטעטל און איבערפלאנצן זיין לעבן אין קרית ברסלב.

ליינט מיט דורשט און האט הנאה.



# מיין יוגענט יארן

שלום עליכם ישראלי, איך הייס יצחק אפעלבוים. געבוירן בין איך אין טאראנטא קאנאדע.

מיין טאטע איז אויפגעוואקסן אין בארא פארק און געלערנט אין די סאטמארער חדר. שפעטער אלס בחור איז ער געגאנגען לערנען אין די ליטווישע טעלזא ישיבה אין שיקאגא וואס האט זיך דאן געעפנט צוליב וואס די טעלז אין קליוולאנד איז שוין געווען איבערגעפולט. דאן איז דאס געווען גאר א חשובע אנגעזעענע ליטווישע ישיבה.

מיין מאמע קומט פון דעטרויט - מישיגען. נאך זייערע חתונה איז מיין טאטע געבליבן לערנען אין ישיבה ווי די שטייגער איז אין די ליטווישע וועלט.

אזוי איז אריבער עטליכע יאר, ביז מיין טאטע האט געדארפט גיין זוכן א פרנסה איז דאן אונטערגעקומען א מלומדות שטעלע פאר א מוסד אין טאראנטא.

דעמאלט איז געווען צוויי מוסדות'ער אין טאראנטא, איינס איז געווען מער א היימישע, און איינס מער א מאדערנע, מיין טאטע האט באקומען זיין מלומדות שטעלע אין די מאדערנע חדר וואס הייסט תלמוד תורה עץ חיים.

די חדר האט זיך געהאט אויסגענומען מיט די מלמדים, אז כדי צו מאכן די חדר אביסל מער היימיש, אביסל מער אידיש, זאלן די מלמדים שיקן זייערע קינדער דארט אין דעם תלמוד תורה כדי ס'זאל זיין מער א אידישע רוח אין די חדר.

שכח אייבערשטער אז איך האב גאר ערליכע עלטערן וואס האבן זיך נישט גערירט אן צו פרעגן אן ערליכער איד, האבן זיי דאן געגומען רבי שלמה מילער שליט"א פאר זייער מורה דרך און אים געפרעגט אויב קען ער אננעמען די פאסטן אין די חדר, אויב וועט ער דארפן שיקן זיינע קינדער צו נישט אזא היימישע חדר אין מער א מאדערנע סביבה.

רבי שלמה האט זיי געזאגט אז זיי קענען שיקן די קינדער צו דעם חדר און אז מיין טאטע זאל אננעמען די מלומדות און ער דארף נישט זארגן, דער אייבערשטער וועט העלפן ער וועט האבן ערליכע קינדער.

# אין חדר

אזוי בין איך אויפגעוואקסן, גייענדיג אין יענעם חדר. איך האב טאקע ב"ה געהאט זייער פיינע יארן אין חדר. ס'איז אינטערעסאנט אנצומערקן אז דער ראש ישיבה שליט"א רעדט כסדר איבער דעם אז א מלמד טאר נישט שלאגן די קינדער ח"ו, ווען איך האב געלערנט אין חדר האב איך אפילו נישט געוויסט אז עס איז דא א מציאות אין די וועלט אז א מלמד זאל הייבן העגט אויף א קינד. אין די חדר וואו איך האב געלערנט זענען רוב עלטערן געווען לויערס און דאקטוירים, ס'איז נישט געווען בכלל קיין מציאות צו חלומ'ען פון געבן א פראסק פאר א קינד... אך און וויי וואלט געווען אויב א קינד וואלט באקומען א פראסק...



די שטאט טאראנטא אין קאנאדא

# די שטעטל פארט אויף רעדער




די נר ישראל ישיבה קאמפוס וואו מיינע עלטערן וואוינען

## אין ישיבה קאמפוס

ווען איך בין געווען צוויי יאר אלט האבן מיינע עלטערן זיך געצויגן פון די צענטראלע שטאט אין טאראנטא - וואו מ'האט געוואוינט אויסגעמישט מיט די גוים - צו א פרישע קליינע שטעטל וואס האט זיך דאן געגרינדעט ממש אינדרויסן פון שטאט פאר די נר ישראל וואס האט זיך דארט געפונען (נישט אפילעאירט מיט די ישיבה נר ישראל פון באלטימאר). דארט איז געווען אזא ישיבה קעמפוס, אלעס איז געווען ארום די ישיבה, דארט איז פארשטייט זיך נישט געווען קיין גוים און מיין טאטע האט גאר שטארק געוואלט אהינגיין וואוינען, אפילו מיין טאטע איז נישט געווען פון די ישיבה איינגעשטעלטע האט מען אים געלאזט זיך אריבערציען אהין צום ישיבה קאמפוס.

למעשה ווען מיר האבן געוואוינט דארט האט די שטאטראט געבויעט א גרויסע הייוועי, פון די ערשטע הייוועיס אין די וועלט וואס האבן געהאט אטאמאטישע טאל. די אויפבוי פונעם הייוועי האט פאראורזאכט אז די ישיבה שטעטעלע אינדרויסן פון שטאט האט זיך געטראפן באוואוינט פון אלע זייטן, אבער מיט דעם אלעם איז עס נאכאלץ געווען אפגעזונדערט פונעם גוי וואס דאס איז געווען פאר מיין טאטע די וויכטיגסטע פאר די חינוך פון די קינדער.

אזוי איז אויסגעקומען אז אפילו די חדר איז געווען אביסל שוואכער האבן מיר אבער געוואוינט אין א רוחניות'דיגע אטמאספער.

## די ישיבה'שע יארן

שפעטער נאך מיין בר מצוה בין איך געגאנגען לערנען אין די ישיבה פון הרב קאפלאן, וואס זיין מאמע איז געווען די באוויסטע רעביצין קאפלאן וואס האט געגרינדעט די בית יעקב שולע. יענע ישיבה איז דאן געווען די מערסט ישיבה'שע ישיבה אין טאראנטא.

די ישיבה איז געווען זייער עקסטרעם און פארמאכט, ס'איז געפארן מיט זייער א שטארקע פרום ליטווישע מהלך וואס האט געהאט אסאך מעלות ווי אויך חסרונות... ווי למשל אז קיין איין חסידישע ספר האט זיך נישט געפונען אויף די ישיבה פאליצעס... די ישיבה איז געווען אויסגעשטעלט אז אויב פארסטו מיט מיט די סדרי הישיבה ביזן סוף וועסטו קענען מצליח זיין אבער אויב נישט וועסטו ארויספאלן.

אינטערעסאנט, אז אנדערש ווי אין רוב אנדערע ליטווישע ישיבות האט מען ביי אונזער ישיבה יא זייער שטארק גערעדט קעגן ציונות. דאס איז געקומען צוליב וואס דער פאטער פון אונזער ראש ישיבה איז געווען דערביי ביי די פאגראם וואס איז פארגעקומען אין חברון, וואס איז געווען א דירעקטע רעזולטאט פון דעם וואס די ציונים האבן זיך גערייצט מיט די אראבער וואס האבן ביז דאן נישט געטשעפעט די אידן.

## א ליטווישער מבקש

איך האב גע'ירשנ'ט פון מיין טאטע די נאטור פון זיין א מבקש, פון זוכן עפעס מער, נישט ווערן זאט אזוי שנעל...

אזוי ווי מיין טאטע איז נישט געווען אין די געוועגליכע הו הא פונעם סיסטעם, ער האט זיך געדרייט דא און דארט, ער האט פארברענגט רוב פון זיינע יארן זייענדיג ווייט פון די גרויסע גערודער און מער חוץ לישוב. ער האט צוגעזען אלע מיני שניטן פון כלל ישראל און דאס האט זייער משפיע געווען אויף אים אז ער זאל אויף זיין אייגענעם אופן, זוכן דעם אמת און אלס שטרעבן צו שטייגן מער און ווערן בעסער.

ווי אויך איז מיין טאטע געווען א פשוטער מענטש, און וואס מער א מענטש איז פשוט, קען ער גרינגער טראכטן אפן און זוכן

צו קענען שטייגן אין עבודת השם, אזוי ווי דער רבי זאגט אז דער בעל תפילה האט גענומען מענטשן פון ישוב און זיי געטראגן חוץ לישוב. מ'קען זאגן אז דאס מיינט ארויס פון זיין געסעטלט, פון נאכלויפן דעם שטראם, נישט מיושב, א מענטש וואס באזעצט זיך אין לעבן דאס בין איך און שוין... אזוי ווי דער רבי האט געזאגט אז אלט טאר מען נישט זיין!

זעט זיך אויס אז דאס האט משפיע געווען אויף מיר, און פון ווען איך קען געדענקען בין איך קיינמאל נישט זאט געווארן. ס'איז אלץ דא די בחורים וואס וועלן זיך צושטעלן צו די סדרי הישיבה און שפירן יוצא געווען, געטון אלעס וואס די ישיבה פארלאנגט און מסודר...

אבער מיין נשמה האט גענאגט און גענאגט, מיינע ארומיגע האבן עס געשפירט ווי אזוי אלץ שטרעב איך צו מער, איך זוך נישט צו זיין צופרידן און שוין. מיין ליטווישע סביבה האט עס אפילו אין א געוויסע זין געשעצט, ווייל נישט יעדן טאג האט מען געזען אז א בחור פון די ליטווישע וועלט זאל זיין אזא מבקש, אבער פארשטייט זיך אז איך האב זייער אכטונג געגעבן נישט צו ציען קיין אויפמערקזאמקייט, ווייל ווי פריער דערמאנט איז די ישיבה וואו איך האב געלערנט געווען זייער אן עקסטרעם ישיבה'שע ישיבה וואס וואלט נישט צוגעלאזט צו טון אנדערש ווי די סדר הלימודים.

## באגעגנט צום ערשטן מאל

## ברסלב'ע ספרים

איינע פון די זיסטע צייטן וואס איך געדענק נאך אלץ בחור, און אפילו היינט מאכט זיך נאך וואס איך כאפ אריין אביסל פון יענע זיסע צייטן, דאס איז זיין בין הזמנים ביי מיין טאטע אינדערהיים אויף די ישיבה קאמפוס וואס דעמאלט האט זיך די ישיבה אויסגעליידיגט, ס'איז געווען א ריזיגע בנין וואס האט געהאט איבער פיר הונדערט זיצן מיט א ריזיגע אוצר הספרים אלעס נאר פאר מיר...

געדענק איך, איין בין הזמנים בין איך געזעצן דארט און געלערנט. איך האב געלערנט דעמאלט שלחן ערוך מיט משנה ברורה. איך בין אנגעקומען צו די הלכות פון שמונה עשרה שטייט דארט אז ווען מ'טרעט אויס שמונה עשרה, זאל מען זיך קודם בייגן אויף לינקס וואס דאס איז די רעכטע זייט פון די שכינה, איך בין דארט געבליבן שטיין, איך האב נישט געקענט פארשטיין וואס דאס מיינט.

איך בין געגאנגען פרעגן מיין ברודער וואס דאס מיינט ער זאל מיר זאגן פשט, האט ער מיר געוויזן אין די זייט פון שול איז געזעסן אביסל אן אינטערעסאנטער בחור וואס איז געווען גאר א קלוגער, ער פלעגט אלץ לערנען זייער פלייסיג, ער האט זיך אויסגעקענט אין פילע ספרים. מיין ברודער זאגט מיר 'גיי פרעג אים'.

בין איך צוגעגאנגען צו דעם בחור און אים געפרעגט מיינע שאלות און ספיקות. ער האט אנגעהויבן צו רעדן צו מיר פון אלע



הרה"ג רבי שלמה מילר שליט"א

# די שטעטל פארט אויף רעדער



הרה"ג רבי חיים לייב עפשטיין זצ"ל

מיני דרכים אין עבודת השם, ער האט גערעדט צו מיר פון ספרי קבלה, פון דער בעל הסולם. ווי אויך האט ער גערעדט צו מיר פון דעם הייליגן רבי'ן און פון דעם הייליגן ספר ליקוטי מוהר"ן, ער האט מיר דאן פארבארגט א ספר פעולת הצדיק.

אין פעולת הצדיק האב איך געטראפן זאכן וואס איך קען נאכטון, א וועג אין עבודת השם וואס איך קען מקיים זיין, די זאך פון התבודדות אז איך קען איבעראל רעדן צום אייבערשטן, די אמונה פשוטה וואס דער רבי' ברענגט אריין אין אונז, דאס האט זייער שטארק גערעדט צו מיר און איך האב זיך זייער צוגעבינדן צום רבינ'ס דרך.

איך האב זיך אכטונג געגעבן די גאנצע צייט נישט צו מאכן קיין עסק פון דעם, איך האב געלערנט ספרי ברסלב און געדינט דעם אייבערשטן אין מיין אייגענע צייט, אבער אפילו מיט דעם אלעם האבן זיי געשמעקט דארט אין ישיבה אז בין עוסק אין אנדערע זאכן, און איך האב געשפירט אז די ישיבה איז נישט צופרידן פון דעם.

איינער האט מיך דאן געגעבן אן עצה אז איך זאל זיך מאכן א חברותא מיט דער ראש ישיבה צו צייגן אז איך וויל זיך פולקאם זושטעלן און איך זוך נישט צו בונטעווען און איבערדרייען די ישיבה. אזוי האב איך טאקע געטון און די עצה האט געארבעט וואונדערליך...

אין דעם ישיבה האב איך געלערנט ביז די אכצן יאר, ווי די שטייגער איז ביי די ליטווישע גייט מען ביי די אכצן יאר אריבער צו א צווייטע ישיבה וואס רופט זיך 'בית המדרש' און בערך ביי די איין און צוואנציג גייט מען לערנען אין די ארץ ישראל'דיגע ישיבות און דערנאך הערשט האט מען חתונה.

בין איך דאן ביי די אכצן יאר אריבער קיין בארא פארק צו די ישיבה פון רבי' חיים לייב עפשטיין זצ"ל וואס ער איז געווען א תלמיד פון רבי' אהרן קאטלער זצ"ל.

אין די ליטווישע וועלט איז ברייט באקאנט אז די גוטע ישיבות זענען די קליינע ישיבות, אין די גרויסע ישיבות זענען טאקע דא פולע גרויסע בתי מדרשים מיט פעסטע למדנים, אבער אין די קלענערע ישיבות קוקט מען זיך מער אום אויף יעדן בחור און מ'קען אסאך בעסער אויסשטייגן.

די ישיבה וואו איך האב געלערנט איז געווען א קלענערע ישיבה, אבער אונזער ראש ישיבה איז געווען א ראש ישיבה פאר פילע יונגע ראש ישיבה'ס וואס פלעגן נעמען הדרכה פון אונזער ראש ישיבה.

איך האב ווייטער געלערנט די ספרים פון רבי'ן. ערגעצוואו האב איך באקומען א ספר אשר בנחל און צו דעם האב איך זיך ממש צוגעקלעבט, איך האב טאקע געלערנט אין א ליטווישע ישיבה אבער שוין פון דאן האב איך ממש געלעבט אויפן רבי'ן און אויף די ברסלב'ע ספרים.

## מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן

דעמאלט איז געקומען חודש אלול און איך האב זיך געטראפן אין א פארלעגנהייט, איך האב שוין געהאט אסאך געלערנט פון רבי'ן איבער די גרויסקייט פון זיין אין אומאן ראש השנה, איך



מוהרא"ש אויפן וועג קיין אומאן שנת תשס"ו

האב געגלייבט אינעם רבי'ן, אבער ווי קומט פאר א ליטווישער בחור פאר צוואנציג יאר צוריק צו מאכן דעם וועג און זיין ראש השנה אין אומאן, ס'איז געווען זייער א שווערע זאך פאר מיר צו טראכטן.

מיין עיקר ספק און מניעה פון פארן קיין אומאן איז דאן געווען די ביטול תורה. צו דארפן זיין אזוי לאנג אונטערוועגנס וועל איך זיכער דארפן אסאך מבטל תורה זיין, דאס איז געווען מיין גרעסטע אפהאלט!

דעמאלט בין איך אנגעקומען צו א שורה אין ספר המידות (אויף וואס דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט אז ער וויל נאך מאכן אויף דעם א ניגון), דער רבי זאגט אז צו פארן צום צדיק קען מען מבטל תורה זיין. דעמאלט האט זיך מיין מח געעפנט אביסל צו טראכטן פון זיך אונטערנעמען די נסיעה.

איך האב באקומען דעמאלט א קונטרס 'קבצני מעווני' וואס דארט איז אויסגערעכנט אלע תיקונים, אוןביים סוף שטייט אז די גרעסטע תיקון איז צו זיין ראש השנה אין אומאן ביים הייליגן רבי'ן. איך האב נישט געהאט קיין שום ספיקות מער, איך האב געוויסט ביי מיר אז אין דעם צדיק גלייב איך, דורך דעם צדיק שטייג איך, און אויב זאגט ער מען זאל קומען צו אים אויף ראש השנה קיין אומאן, הייב איך זיך אויף און איך פָאר!

איך בין דאן געווען ניינצן יאר, אבער ס'נישט די זעלבע ניינצן יעריגע צו וואס דער עולם דא איז צוגעוואוינט. דא ביי די ניינצן יאר קען מען שוין פירן א ביזנעס, אבער אין די ליטווישע וועלט ביי ניינצן יאר ווייסט מען נאך פון לעבן נישט צו זאגן, א בחור דארף זיך פון גארנישט זארגן, ער זיצט אין ישיבה און אלעס ווערט באצאלט דורך די עלטערן, ער טראגט נישט קיין שום אחריות.

פאר מיר איז די טעכנישע חלק געווען ביטער שווער, ס'איז געווען די ערשטע מאל אין מיין לעבן וואס איך האב זיך געדארפט אליין מסדר זיין, איך האב נישט געוויסט וואו אנצוהייבן...

איך האב פארציילט פאר מיינע עלטערן מיינע פלענער, זיי זענען געווען באזארגט און געגאנגען פרעגן זייערע מורה דרך רבי שלמה מילער שליט"א אויב זיי מעגן מיר לאזן פארן, ער האט זיי געענטפערט אז ס'איז נישט קיין שום פראבלעם, אויב דאס ציט מיין הארץ זאלן זיי מיר נישט שטערן, דאס איז געווען פאר מיר אן באזונדערע סייעתא דשמיא, סיי אז מיינע עלטערן האבן יעדע זאך געפרעגט, און אז זייערע מורה דרך איז אן ערליכער איד וואס האט זיי נישט פארפירט.

אין ישיבה האב איך גארנישט פארציילט פאר קיינעם, די תשרי טעג זענען סייווי צופארענע טעג, האב איך גרינגעהייט געקענט נעלם ווערן פאר ראש השנה און קיינער האט גארנישט געוויסט...

מיין ערשטע ראש השנה אין אומאן איז געווען אזוי ווי ביי רוב

# די שטעטל פארט אויך רעדער

מענטשן די ערשטע ראש השנה אין אומאן, איך האב זיך געטראפן ארומגענומען מיט בעיקר ארץ ישראל'דיגע אידן וואס זענען א גאר אנדערע סארט קולטור, איך האב געהאט פון דעם אביסל חלישת הדעת, איך האב זיך געהאלטן אין איין פרעגן וואס זוך איך דא, אבער איך האב געוויסט אז איך בין געקומען צום רבי'ן נעמען מיין תיקון און פארדעם לוינט שוין אלעס, איך דארף אויף קיינעם נישט קוקן!

## יא שלאפן נישט שלאפן

אויך א פלאץ צו שלאפן האב נישט געהאט געהעריג, פון ווען איך בין אנגעקומען ביז די ערשטע נאכט יו"ט בין איך גארנישט געשלאפן. די ערשטע נאכט יו"ט האבן זיך שוין מיינע אויגן צוגעקלעבט און איך בין פשוט אנידערגעפאלן אין בעט אריין. אזוי בין איך געשלאפן ביז צוועלף אזייגער אין טאג אריין, וואס האט נאר צוגעגעבן צו מיין חלישת הדעת, ווייל זייט איך געדענק מיך האב איך נישט פארפאסט זמן קריאת שמע און זמן תפילה און דא בין איך אריינגעשלאפן אום ראש השנה... אבער ס'האט זיך אויסגעשטעלט צו זיין פאר מיר א גרויסע טובה ווייל דאס איז געווען די איינציגסטע מאל וואס איך בין געשלאפן יענע ראש השנה.

ווען איך בין צוריקגעקומען האט קיינער טאקע גארנישט חושש געווען, איך האב געמאכט א שוויג און ווייטער אנגעגאנגען מיטן סדר היום פון די ישיבה.

## ווער בין איך?

זינט דאן האט מיר זייער אנגעהויבן צו טומלען מיין קאפ, וואס בין איך? בין איך א חסיד? א ליטוואק? א ברסלב'ער ליטוואק? ס'איז בכלל דא אזא זאך? אזוי האב איך זיך ארומגעדרייט מיט בלבולים אין קאפ און נישט געוויסט וואס צו טון און וועמען צו פרעגן.

ביז איך האב געטראפן א שורה אז דער רבי האט געזאגט אז ווער עס קען זיין ספר ליקוטי מוהר"ן, ער קען געבן אן עצה. האב איך געמאכט א שנעלע חשבון אז דער וואס האט געשריבן די אלע ספרים מיט וואס איך בין זיך מחי', ער קען זיכער ליקוטי מוהר"ן. אין די ספרים איז געווען אן אדרעס, האב איך געטראכט אז איך וועל אהינגיין און פרעגן מוהרא"ש מיינע ספיקות.

## געטראפן מוהרא"ש צום ערשטן מאל

איין נאכט בין איך אריבער צו מוהרא"ש אין שול און געפרעגט דארט איינעם ווען קען מען פרעגן שאלות פון מוהרא"ש, האט יענער מיר געענטפערט זונטאג.



ליל שישי שיעור פון מוהרא"ש



ביים מאכן אן אפשערן ביי מוהרא"ש

זונטאג בין איך אריבער נאכאמאל צו מוהרא"ש, איך גיי צו צו מוהרא"ש און איך פרעג אים אויב ער האט צייט, האט מוהרא"ש מיר געענטפערט אז נישט. האב איך געפרעגט ווען וועט מוהרא"ש יא האבן צייט? האט מוהרא"ש מיר געענטפערט 'קום דינסטאג נאכט נאך מעריב'.

דינסטאג נאכט נאך מעריב בין איך נאכאמאל אריבער צו מוהרא"ש אין שול און זעענדיג אז איך מיין עס ערנסט, איך קום שוין די דריטע מאל, רופט מיר מוהרא"ש צו און פרעגט מיר אויב איך רעד אידיש, האב איך געענטפערט אז איך פארשטיי אידיש אבער ס'איז מיר שווער צו רעדן אידיש. מוהרא"ש נעמט א סידור און ווייזט מיר, אז די ווערטער ה'צילה מ'ן ש'אול נ'פשי איז ראשי תיבות 'משנה' און מיר דעמאלט געזאגט די עצה פון זאגן משניות יעדן טאג.

## פארוואס האסטו נישט חתונה?

עטליכע וואכן שפעטער אויף א זונטאג בין איך נאכאמאל אריבער צו מוהרא"ש און איך האב אים געזאגט אז איך האב אסאך ספיקות. מוהרא"ש האט מיר דעמאלט געזאגט אז איך זאל קומען צום שיעור דאנערשטאג נאכט וועלן אלע מיינע ספיקות בטל ווערן!

מוהרא"ש האט מיר דעמאלט געפרעגט פארוואס איך האב נאכנישט חתונה געהאט, האב איך געענטפערט 'ווייל מיינע חברים האבן נאך נישט חתונה געהאט...' איך וואלט בעצם געענטפערט 'אדרבה העלף מיר געבט מיר א שידוך' אבער ביים צדיק קומט נאר ארויס די ריינע אמת!

יענעם דאנערשטאג נאכט האב איך זיך ארויסגעשלייכט פון ישיבה אינמיטן נאכט סדר בערך א פערטל צו ניין, איך בין אנגעקומען פונקט אין צייט צום שיעור פון מוהרא"ש, און ממש אזוי ווי מוהרא"ש האט געזאגט זענען נאך צוויי שיעורים אלע מיינע ספיקות נעלם געווארן.

## מיינע מניעות אין קאפ

איינע פון די שווערסטע זאכן פאר מיר צו אננעמען פון מוהרא"ש, איז געווען דאס וואס מוהרא"ש האט מכבד געווען יעדע קהילה אין כלל ישראל, ער האט פאר יעדן איינעם אפגעגעבן כבוד. צו מיר האב איך געטראכט 'ווי אזוי קען מען יענעם אזוי אנערקענען און מכבד זיין' איך בין געווען א פרישער מקורב און געברענט, איך האב געטראכט 'נאר אונז האבן די אמת, ווער עס איז נישט ביי מוהרא"ש, איז גארנישט. נאר מוהרא"ש'ס דרך איז א וועג...'

אזוי האט אנגעהאלטן א לאנגע תקופה דאס קומען צו מוהרא"ש'ס שיעור יעדן ליל שישי. איך האב מיט קיינעם גארנישט געהאט און צו קיינעם נישט גערעדט, איך פלעג קומען צום שיעור זיך מחזק זיין, און נעלם ווערן גראד נאכן שיעור. איך געדענק אז איינמאל איז מו"ה אלימלך שארף הי"ו מיך נאכגעלאפן, ער האט מיר געוואלט מקרב זיין, ער האט מיר געזאגט אז ער זעט אז איך קום דא יעדע וואך, אבער מיר איז ענדערש געווען נישט צו האבן מיט קיינעם גארנישט, דעמאלט איך האב געהאט די שיעורים פון מוהרא"ש און ווייטער אנגעגאנגען מיט מיין לעבן.

פרייטאג צונאכטס פלעג איך נישט קומען דאווענען ביי מוהרא"ש, ביז איינמאל האב איך געהערט פון מוהרא"ש אז מ'זאל יא קומען דאווענען צוזאמען ברסלב'ע חסידים, דעמאלט האב איך אנגעהויבן צו קומען דאווענען פרייטאג צונאכטס ביי מוהרא"ש.

איך געדענק יענע צייט אז איך פלעג אלץ נעמען פאר א חברותא די שוואכע בחורים, אזוי פלעגן זיי נעלם ווערן און איך האב געקענט אריינכאפן מיינע שיעורים, ווי אויך האבן די משגיחים מיך געלאזט לעבן ווייל איך האב געלערנט מיט די

# די שטעטל פארט אויף רעדער



הרה"ג רבי נתן צבי פינקל זצ"ל

שוואכע...

נאך א תקופה האב איך געטראכט צו זיך אז איך מוז זיך טאקע געבן עפעס א שאקל אז איך זאל קענען א חתן ווערן, איך האב געזאגט מציאת הזיווג אן א שיעור מאל און איך האב דווקא נישט געציילט, כדי איך זאל עס אנהאלטן. דעמאלט בין איך קודם געפארן לערנען קיין ארץ ישראל וואס איז געווען די סדר איידער מ'ווערט א חתן, איך האב געלערנט אין ישיבת מיר ביי רבי נתן צבי פינקל זצ"ל, איך האב אויך דארט געגומען די שוואכע חברותות און איך פלעג אסאך גיין צום שער השמים ביינאכט צו זאגן תיקון חצות און זיך מתבודד זיין. אין די זומער בין הזמנים האב איך זיך אריבער געכאפט קיין יבניאל און דארט געזעסן אין די ארטיגע ישיבה. איך געדענק אז יענע בין הזמנים בין איך אהיימגעפארן דורך אוקריינע אזוי האב איך געקענט זיין אין אומאן אויף ראש השנה.

נאך די ימים טובים בין איך פארבליבן אין בארא פארק, איך בין אריין אין א צווייטע ליטווישע ישיבה וואס איז שוין געווען מער לופטיג, מ'האט געקענט גיין און קומען... יענע תקופה האט מוהרא"ש נישט געקענט פארן קיין ארץ ישראל און אויך איז דעמאלט נישט געווען ביי מוהרא"ש די ארץ ישראל'דיגע בחורים.

## ביי מוהרא"ש אין ישיבה

המפיץ מו"ה יענקל דעקטער הי"ו האט מיר דעמאלט געטראפן און מיך געזאגט אז איך זאל קומען דאווענען ביי מוהרא"ש, מוהרא"ש דארף מנין אויף שחרית. מוהרא"ש האט דעמאלט געדאוונט ארום צען אזייגער, איך האב שוין געהאלטן נאכן דאווענען, איך האב אלץ געדאוונט פאר זמן תפילה, פלעג איך קומען צו מוהרא"ש אין שול צו לערנען מיינע שיעורים און משלים זיין די מנין.

איך געדענק מוהרא"ש האט מיר געפרעגט אמאל פארוואס איך קום, האב איך געענטפערט אז דא איז די גן עדן! מוהרא"ש פלעגט צומאכן די לעקטער פון די שול און געלאזט די לעקטער העכער מיין פלאץ ברענען און מיר געזאגט אז ווען איך ענדיג זאל איך פארמאכן און צושפארן די טיר.

אזוי האב איך געקענט זיצן שעות אין א צי און לערנען אויפן סדר דרך הלימוד, מיט די ליטווישע קשנות שעות נאכאנאנד אויף איין פלאץ. שפעטער ווען ס'זענען שוין געקומען בחורים פון ארץ ישראל האט זיי מוהרא"ש געוויזן אויף מיר אז אזוי דארף מען לערנען.

## מיין שידוך

שכח אייבערשטער אז איך האב נושא חן געווען ביי מיין חשובער שווער דער גרויסער מפיץ מו"ה נתן יאקאבאוויטש שליט"א וואס האט מיר גענומען פאר אן איידעם. געגוג מאל האבן מיר געהערט פון מוהרא"ש 'וואס מאכט א חילוק אזא לבוש צו אזא לבוש, פון אזא משפחה צו פון אזא משפחה, דער עיקר איז צו חתונה האבן און אויפשטעלן א אידישע שטוב' אזוי בין איך א חתן געווארן אין א מזל'דיגע שעה!

למעשה פאר די חתונה האב איך זיך יא אנגעטון א שטריימל און מיר זענען געגאנגען וואוינען אין לעיקוואוד וואס דארט האט מיין ווייב געוואלט גיין וואוינען. געדאוונט האב איך אין לעיקוואוד ביי מו"ה שלמה מאיער שליט"א וואס האט געהאט א תקנה אין זיין שול אז אויף קיין שום איד טאר מען נישט רעדן, יהיה מה שיהיה, אזוי האב איך געקענט דינען דארט דעם אייבערשטן רואיג. איך האב געלערנט אין כולל אין בית המדרש גבוה און יעדן דאנערשטאג בין איך אריינגעפארן צום שיעור.

## סקווירא הדר פאר די קינדער

ווען מיינע קינדער זענען עלטער געווארן האב איך געדארפט גיין טרעפן פאר זיי א מוסד. אין לעיקוואוד איז ביטער שווער (נאך היינט אפילו) צו קענען איינשטעלן די קינדער אין א מוסד, אלע מוסדות זענען איבערגעפילט און די וועג איז אז מ'דארף רופן וואס מער עסקנים און נוצן וואס מער פראטעקציע ביז מ'דערזעט די קינדער אין א גוטע מוסד.

פון נאטור אויס בין איך נישט איינער וואס גייט גיין רופן יעצט



דער גרויסע מפיץ ר' נתן יאקאבאוויטש הי"ו

א קאנטאקט זען ווער עס קען מיר העלפן, איך בין א בוטח בהשם און מיט די זיסע עצות וואס איך האב געלערנט ביי מוהרא"ש בין איך געגאנגען יעדן טאג צום גרעסטן עסקן - צום אייבערשטן אליין, און מיט תפילה האב איך ברוך השם געטראפן א גוטע מוסד.

די סקווירא קהילה האט דאן געעפנט זייער חדר אין לעיקוואוד און זיי האבן אפירגעזוכט גאר גוטע מלמדים. מיין ווייב האט געארבעט אינאיינעם מיט די ווייב פונעם מנהל המוסד און זיי האבן טאקע געזאגט אז אונזער משפחה איז זייער פאסיג פאר זייער מוסדות, און אנגענומען אונזערע קינדער ב"ה. איך בין דאן געגאנגען פרעגן מוהרא"ש אויב זאל איך טאקע שיקן מיינע קינדער דארט, האט מוהרא"ש מיר געזאגט אז יא און אזוי האב איך מיט תפילה געטראפן א פיינע מוסד פאר מיינע קינדער.

## מ'זוכט א דזשאב

איך האב געדארפט גיין זוכן אן ארבעט, האט מען מיר אנגעטראגן צו ווערן אן ענגליש טיטשער, וואס פאר מיינע פרינציפן איז דאס זייער שווער געווען, איך זאל לערנען מיט קינדער לימודי חול?! ס'האט מיר עפעס זייער נישט געשטימט... אבער מוהרא"ש האט מיר געזאגט 'אויב צאלט מען דיר, זאלסטו עס אננעמען'.

ס'איז געווען זייער א שווערע פאסטן, לערנען מיט 12-13 יעריגע קינדער פון לעיקוואוד ענגליש, איז גארנישט אזוי פשוט, האב איך אנגעהויבן צו טראכטן וואס קען איך טון פאר פרנסה אז איך זאל קענען זיין אן אייגענע בעל הבית, אזוי ווי מוהרא"ש האט געהאלטן אין איין זאגן, ווי אויך עפעס וואס איך וועל נישט דארפן אינוועסטירן אין דעם קיין געלט, ווי אויך עפעס וואס איך זאל נישט דארפן צאלן פאר עדווערטייזינג...

אזוי ווי איך האב א שטיקל מעכאנישע קאפ, איך גלייך זייער צו וויסן און פארשטיין ווי אזוי מאטארן ארבעטן האב איך אנגעהויבן צו טון קליינע מעכאנישע ארבעט מיט קארס ווי טוישן אויל און אזוי ווייטער, אזוי האב איך זיך צוביסלעך מער און מער געלערנט די פאך.

## אינטערן טראק

אזוי ווי אבער איך האב קיינמאל נישט געקענט בעטן געלט פון מענטשן וויפיל ס'איז מיר געקומען, האב איך צוביסלעך אנגעהויבן צו ארבעטן מער קאמערציאל ווי טראקס און באסעס, וואס זיי זענען געווען זייער פרייליך מיך צו געבן געלט אבי די טראקס און באסעס זאלן גוט ארבעטן.

היינט ווען מענטשן פרעגן מיר וועגן קארס זאג איך אלץ: 'מאך נישט דיין קאר פאר דיין עבודה זרה' יא אוודאי ס'איז דא די בעיסיק מעינטענענס ווי טוישן רעדער און אויל, אבער חוץ פון דעם אויב דיין קאר פארט, לאז עס לעבן... ביי קארס וואס קומען שוין אן צו אכציג טויזנט מייל טוישט מען אויך צומאל די אויל פון די טרענסמישען אבער דאס איז עס...

## וואס קענט איר זאגן לגבי קויפן א קאר, לוינט זיך צו קויפן א קאר, אדער איז בעסער צו ליעסן א נייע קאר?

אמאל איז געווען די מארקעט אז מ'האט געקענט קויפן א קאר וואס איז געווען צוויי דריי יאר אלט פאר האלב די פרייז פון א נייע, האט זיך עס געלוינט. אבער זינט קאראנא האט זיך די קאר מארקעט נאכנישט צוריקגעכאפט געהעריג, דעריבער זענען די קארס וואס זענען צוויי דריי יאר אלט גאר טייער און פאר דעם פרייז לוינט שוין צו קויפן א נייע, אדער זאל מען קויפן א קאר וואס איז שוין היפש פארעלטערט און קען צומאל זיין

# די שטעטל פארט איך רעדער



חתונה אין ישיבה פון ר' חיים ישראל אפעלבוים הי"ו

גאר ביליג, אבער נעמט אין באטראכט אז ס'קען קאסטן שווערע אלפים ביים מעכאניקער...

די זאך אויף וואס מ'דארף דאס מערסטע קוקן, איז די רעדער פון די קאר. רעדער אויב איז עס נישט גוט קען דאס זיין א גרויסע סכנה, ווייל ס'קען צומאל פארשווערן דאס זיך אפשטעלן.

דאס איז ווי אזוי דער חסידישער אינגערמאן מיט בארד און פיאות איז אנגעקומען אונטערן קאר...

צוריק צום חדר. דערווייל האבן מיינע קינדער געלערנט אין סקווירא חדר. ווען איך האב די ערשטע יאר געדארפט פארן קיין אומאן מיט מיינע קינדער האב איך געמאכט א שוויג און קיינעם גארנישט געזאגט, דעמאלטס האט מען נאך געקענט פליען דירעקט די וועג איז נישט געווען אזוי לאנג, אבער שפעטער איז די חדר געווארן געוואויר און האבן זיי מיר אפירגעהאלטן אז איך מוז פרעגן רשות פאר אזא זאך. קומענדיגן יאר האב איך טאקע געפרעגט רשות און די חדר האט מיר געלאזט פארן מיט מיינע קינדער, זיי האבן נאר געבעטן אז איך זאל זען צו פארן די קורצטע מעגליך אז די קינדער זאלן וואס ווייניגער פעלן פון חדר.

ווען איך האב געדארפט פארן שוין מיט זעקס קינדער איז שוין געווען טיף אריין אין די מלחמה, מ'איז שוין געפארן די לאנגע וועג דורך פולין, האב איך דאן מסביר געווען פאר די חדר אז איך מוז ארויסנעמען די קינדער פאר לענגער צוליב דעם שווערן וועג, און ב"ה זיי האבן מיר געלאזט ווייטער פארן מיט מיינע קינדער.

יענע יאר בין איך טאקע געפארן מיטן טשארטער, איך האב געוויסט אז זיין אונטערוועגנס מיט זעקס קינדער איז א גרויסע אונטערנעמונג האב איך באצאלט פארן טשארטער צו קענען פארן מיט וואס מער מנוחת הנפש.

## וויאזוי זענט איר דורכגעשווימען אלע

## צייטן אן ווערן אריינגעמישט אין פאליטיק?

בשעת מוהרא"ש האט געלעבט האב איך גארנישט געהאט מיט קיינעם ווי שוין פריער אויסגעשמועסט, איך פלעג קומען צו די שיעורים און געהערט פון מוהרא"ש עפעס וועגן צוויי מנינים אין וויליאמסבורג, איך געדענק טראכטן צו זיך איך האב אפילו נישט געוויסט אז ס'דא איין מנין... אויך האב איך עפעס אמאל געהערט וועגן די בחירות אין ארץ ישראל ביים שיעור, אבער איך האב פראבירט צו שטיין ווייט פון אלע סארט פאליטישע זאכן וואס האט נישט מיט מיר...

## ווען האט איר אנגעהויבן הערן פון די ברסלב'ע ישיבה?

איך האב געהערט פון מיינע נעפיוס אז ס'דא א ראש ישיבה, און דער ראש ישיבה לערנט פאר פלאמעדיגע שיעורים, און די בחורים לעבן מיט דעם רבינ'ס עצות צו וואס איך האב זיך זייער געפרייט צו הערן, אבער פאר מיר פערזענליך האט דאס גארנישט געמיינט.

אזוי פיל האב איך יא געוויסט אז עפעס קאכט זיך מיט די ישיבה, אבער דאס אז מוהרא"ש נעמט נישט אראפ זיין נאמען פון די ישיבה איז דאס געווען פאר מיר די גרעסטע הסכמה!

נאך די הסתלקות פון מוהרא"ש האב איך טאקע געשיקט מיינע קינדער לערנען ביי דער ראש ישיבה. איינער איז מער דעמאלט געקומען זאגן אז איך זאל וויסן אז די ישיבה איז נישט ממש געמאכט פאר אלע מיני בחורים וכו' האב איך אים דעמאלט געזאגט: "אדרער איז עס פאר יעדן אדרער איז עס פאר קיינעם!"

## ווען האט איר אנגעהויבן מער שייכות מיטן ראש ישיבה?

# די שטעטל פארט איך ריידער



סיום הש"ס פון הבחור נחמן שמחה אפעלבוים נ"י





חתונה אין ישיבה פון ר' חיים ישראל אפעלבוים הי"ו

זומער איז מיר עס אסאך אויסגעקומען צו זיך דרייען אין קעמפ, אבער ס'האט מיר געגומען א ווײלע צו נעמען דער ראש ישיבה פאר מיין מורה דרך, איך האב אים אנגעקוקט ווי א חבר וואס איז געווען צוזאמען מיט מיר ביי מוהרא"ש.

ביז איינמאל האט דער ראש ישיבה געשמועסט מיטן עולם און זיך אנגערופן: "טייערע חברים" די צוויי ווערטער האבן געגעבן א שאקל מיין מח, יא אוודאי מיר זענען טייערע חברים, מיר האבן צוזאמען געטרינקען פון די קוואל פון מוהרא"ש, אבער יעצט טרינק איך פון די קוואל פון דער ראש ישיבה!

## וואס קענט איר פארציילן איבערן זיך אריבערציען צום ברסלב'ן שטעטל קרית ברסלב?

ב"ה איך האב זוכה געווען די יאר זיך צו קענען ציען אין שטעטל און לייגן מיינע קינדער אין די ברסלב'ער חדר. די חילוק וואס איך זע אויף מיינע קינדער איז די שמחה מיט וואס זיי קומען אהיים פון חדר, דאס איז עפעס וואס מ'זעט נישט אין ערגעץ. אויך האב איך קיינמאל נישט געהערט פון מיינע קינדער אויף די ברסלב'ער חדר "איך האב נישט ליב דער מלמד אדער יענע מלמד..."

און אויף מיך וואס זאל איך אייך זאגן, אוודאי מוז מען האבן א צדיק אין לעבן און אן א צדיק קען מען נישט, אבער וואו גוט און זיס איז צו קענען האבן א צדיק מיט א קהילה, אזוי קען מען אויספירן אויף למעשה די אלע זיסע שכל און עצות וואס מיר הערן פון מוהרא"ש און פון דער ראש ישיבה שליט"א!

**א גרויסן שכח פארן איבערגעבן אייער פערזענליכע סיפור התקרבות אנגעפולט מיט תוכן, און זיכער וועלן די ליינער ארויסנעמען חיזוק דערפון אויף לעובדא ולמעשה. דער אייבערשטער זאל אייך געבן הצלחה בכל מעשה ידך.**

CATSKILLS, WE HAVE YOU IN MIND

# Stay Connected

## WITH PROTEK

### TALK-ONLY AND TALK&TEXT PHONES, READY TO USE



| Phone | Price |
| --- | --- |
| KYOCERA DuraXV | FROM $325 |
| KYOCERA DuraXV EXTREME | FROM $330 |
| KYOCERA CADANCE | $300 (REG. $350) |
| TCL FLIP 2 | FROM $95 |
| SUNBEAM F1 | $250 |
| SUNBEAM PRO F1 | $350 |



| Phone | Price |
| --- | --- |
| TAK PHONE | $310 (REG. $330) |
| BLISS B1 | $130 |
| POM PHONE TALK ONLY / TALK & TEXT | $370 |
| POM CLASSIC TALK ONLY / TALK & TEXT | $289 |
| LG CLASSIC FLIP | $210 (REG. $240) |

PROTEK Catskills

PURE CONNECTIVITY

FREE **DAILY** DELIVERY TO:

- FALLSBURG
- MONTICELLO
- KIAMESHA LAKE
- LIBERTY

SAME DAY FOR ALL ORDERS, ORDERED UNTILL 4:00

**845.999.TALK(8255)**

All Phones Are Approved By Vaad Haishur Monsey

# געדאנקען

## האסט שוין געשמייכלט היינט?

האסט שוין געשמייכלט היינט? הא?!

איך האב נישט ליב צו טון געוועהנליך דעיס, אבער איך וועל פרעגן א פערסאנעל קושיא, האסטע שוין געשמייכלט היינט? הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

האסטע שוין געש...... האסטע שוין געש... האסטע שוין געשמיי......

האסטע שוין געשמייכלט היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

די סייענטיסטן געבן איבער אז אין א טאג וואס מען הייבט אן דעם באגינען מיט א שמייכל אויף די לעפצן און א תפלה צום בורא עולם, זעט מען נישט קיין חסרונות אויף די ווייב.

האסטע שוין געש...... האסטע שוין געש... האסטע שוין געשמיי......

האסטע שוין געשמייכלט היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

די זאך-קענער ווייסן צו זאגן אז אין א טאג וואס מען פארגינט זיך א שמייכל אנהייב טאג קומט מען אן גרינגער אין שול איידער'ן גיין אין אפיס "פאר בלויז איין מינוט" און אריינפאלן אין א דריי שעה'איגע אימעיל SPREE פון הונדערטער טויזנטער אומזיסטיגע בחנם'דיגע "אן-עבירה-עס-נישט-צו-נעמען" פוינטס אויף אמעריקן עקספרעס מיט זירא עי. פי. אר. ביז א מיליאן טאלער.

ווען א מענטש איז אין א פרייליכע גיסטע איז אים גרינגער בוחר צו זיין צו דאווענען בין כותלי הבית המדרש ווי אין ווערהאוז ביים כותל אום דרייע.

ווען א מענטש איז פרייליך מוז ער נישט קויפן א שטריימל יעדע פינעף מינוט, און א נייע דינאלי יעדע דריי וואכן.

א שמייכלדיגער איד קען עסן א פרייליכע געשמאקע וועטשערע מיט די ווייב ביי זיך אין שטוב אן גיין אין סטעיקהאוז און ארומקוקן נעבעך ווער זיצט ביי די אנדערע טיש, און וועמענס איידעם איז ער....... (ער קוקט נישט אויף פרוביען אין סטעיקהאוז, ער וויל נאר פלעין וויסן וועמענס איידעם איז יענער דארט ביי יענע טישל.....)

ווען א מענטש איז גוטמוטיג מוז ער נישט ווייזן בילדער פון די האטעל צימער אין דובי פאר אלע משתתפים פון זיינע התמדה'דיגע ליל ששי (שוויץ) חבורה. ס'איז אים גוט אויך אן צייגן פאר יעדן איינעם וואס ער טוט יעדע רגע.

ווען א איד איז אביסל טועם וואס מיינט שמחה און צופרידנקייט אז דער אייבערשטער איז אין טשארדזש ווערט ער נישט בייז ווען זיין קאזן מאכט א יאנטשי חתונה אין די ברסלב'ע "פלעינע" שול מיט "פלעינע" יאנטשי ווייסע פלעסטיק טישטעכער מיט "פלעינע" יאנטשי ווייסע פלעסטיק טעלערס מיט "פלעינע" יאנטשי ווייסע רייז אן קיין גניבה SWIPE אויף די זירא עי. פי. אר. קארטל (ס'איז עבירה נישט צו SWIPE'ן ווייל ס'לוינט זיך וועגן די פוינטס...... יא ווייל יא........).

ווי זאגט דער ראש ישיבה שטענדיג, דו זאגסט א שיינע דרשה אז די תורה איז זיס, אבער דו געבסט מיר נישט א וועג ווי איך קען לערנען יעדן טאג, אזוי אויך דו געבסט מיר א שיינע וואוס מעסעדזש אז איך זאל שמייכלען, אבער וואו נעמט מען א שמייכל?!

וואו נעמט מען א שמייכל אז די פרנסה מצב דרוקט?

וואו נעמט מען א שמייכל אז מיין דריטע קאזן זאגט איך צורייס די משפחה ביים נישט קומען צו זיין קארווינג סטעישן וואך נאכט? (#קארווינג-סטעישן-מסורה-מסורה-מעסוירע-מעעססססוירררררעע)

# איבערלעבענישן, אנאליזן און געדאנקען

**משה אריה שניצלער**

וואו נעמט מען א שמייכל אז די ווייב איז ברוגז ווייל איך בין אהיימגעקומען שפעט? (פיין, זי איז גערעכט, פיין, איך טאר נישט אהיימקומען שפעט, יעצט, וואס וועט מיך העלפן אין יעצטיגן מצב?!)

וואו נעמט מען א שמייכל אז די גאנצע שול זאגט איך בין אנדערש פון יעדן ביים נישט מנדב זיין אזוי ווי יעדער פאר די דעלקעלעך מיט וויסקי ביי די גרויסע יארצייט פון בעל ויזכו ל'וויסקי זאל זיך מיען?

פאר דעם האבן מיר א גרויסע רבי וואס געבט אונז מיט וואס צו שמייכלען.

די תורה מאכט פריילעך. אבער נישט א תורה פון "כמו".

די תורה וואס מען גייט "כמו" לערנען מיט א "כמו" חברותא "כמו" יעדן טאג (אויסער פרייטאג שבת זונטאג ניסן תשרי חנוכה קאנטרי) דאס מאכט "כמו" פריילעך.

די תורה וואס מען מאכט אויף א משניות "היינט" און מען זאגט א פרק "היינט" דאס וועט דיך מאכן פריילעך "היינט".

חז"ל הקדושים זאגן אין מדרש רבה, השרוי בלא אשה שרוי בלא שמחה, ווער עס האט נישט קיין ווייב איז נישט פריילעך.

מען קען צולייגן אז די פשט איז אויך אויף א מענטש וואס טראכט א גאנצן טאג איך האב נישט קיין נארמאלע ווייב, ער איז נעבעך א שרוי בלא אשה, ער האט נעבעך נישט קיין ווייב, זיין גאנצע קאפ און מח וויינט א גאנצן טאג אז דאס הייסט נישט קיין ווייב, פאר אזא געלונגענע ווארצלקאפ ווי איך איז דאס א נחות דרגא צו האבן אזא ווייב, אמער! דער שכן האט בעסער חתונה געהאט! השם ישמרינו!

אז דו וועסט זאגן פאר דיין ווייב א דאנק פאר'ן וואשן די שמוציגע זאקן, וועסטו ווערן א פרייליכער צופרידענער, אלעס וועט דיר שיינען, און די פרנסה וועט זיך פארבעסערן, אזוי ווי חז"ל זאגן אוקירו לנשייכו כי היכי דתתעתרו, רעד צו דיין ווייב ווי מען רעדט צו א חשוב'ע ארויפגעקוקטע מענטש וועסטו זיין א עושר! (נישט א קרעדיט קארד עושר! א אויסגעצאלטער! מיט בינטלעך ירקות!).

און מיט'ן זאגן משניות וועסטו זיין צוויי מאל א עושר. איינמאל וועגן די שלום בית, און איינמאל ווייל תורה מאכט רייך. פון די פסולת פון די לוחות איז משה רבינו געווארן רייך (נדרים ל"ח), קען מען זאגן בדרך צחות, פון די פסולת, פון זאגן משניות אין די שוואכע צייטן, ווען די קאפ ארבעט נישט, פון דעם וועסט ווערן רייך.

משנה איז בגימטריא "פרנסה", זאגט מוהרא"ש.

מוהרא"ש האט אדורכגעוואקט א תלמיד זיינער וואס פלעגט זאגן משניות און גמרא, און מוהרא"ש געבט אים א זאג "מעגסט שוין זיין א עושר". איך בין געשטאנען דארט בשעת מעשה.......

האסטע שוין געשמייכלט היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

האסטע שוין געזאגט א פרק משניות היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

האסטע שוין געזאגט א דאנק ווארט פאר דיין ווייב היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

האסטע שוין געזאגט א דאנק ווארט פאר'ן אייבערשטן היינט?

הע הע הע!! הא הא הא!! הע הע הע!!

אויף וואס ווארטסטו?!

זיי שוין נישט אזוי ערנסט, דער אייבערשטער האט שוין געלייזט גרעסערע פראבלעמען ווי דו גייסט יעצט אדורך.

געב עס א טשענס. געב עס פינעף מינוט. באלד וועט אלעס זיין גוט! איין זאך אויף א מאל! מאך נישט איין גרויסע קוגל פון אלע דיינע זאכן וואס דרוקן דיר.

.TACKLE ONE THING AT A TIME

ורוח תשימו בין עדר ובין עדר, זאגט מוהרא"ש, לאז אביסל לופט צווישן איין פראבלעם און די צווייטע. דערכאפ דיר אביסל דעם אטעם.

זאג א שטיקל תפלה צום אייבערשטן, אייבערשטער איך קען נישט אן דיר, איך דאנק דיר אייבערשטער פאר ביז אהער און איך בעט דיר העלף מיר אויף ווייטער. באשעפער העלף איך זאל געבן א שמייכל.



עס איז אונז א כבוד אייך איינצולאדענען צום

# מסיבת קרן הבנין בית התבשיל

בארא פארק • וויליאמסבורג (קומענדיגע וואך אי״ה) • מאנסי (קומענדיגע וואך אי״ה) • לינדען • ס

ערווארט אייער פ

............

*sruliHeskel



טעטן איילענד • לעיקוואוד • קרית יואל • קרית ברסלב

קומענדיגע וואך אי"ה — נאך חנוכה אי"ה

ערזענליכע הזמנה ..........



# א מעשה
## פון א צדיק

אהרן קליטניק

# אַ שִׁידוּךְ דוּרךְ שְׁמִירַת עֵינַיִם
### חלק ב'

***הָרַב הַקָּדוֹשׁ רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר מַעְגְּלֵי צֶדֶק הָאט גֶעהַאט גְרוֹיס חֲלִישַׁת הַדַעַת, עֶס הָאט אִים זֵייעֶר וויי גֶעטוּן אַז עֶר אִיז נִכְשָׁל גֶעוָוארְן מִיט קוּקְן אוֹיף אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל.***

**אוּן יֶעצְט לֵיינְט וֵוייטֶער:**

דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל הָאט פְּרוּבִּירְט צוּ בַּארוּאִיגְן דֶער בָּחוּר אָבֶּער גָארְנִישְׁט הָאט גֶעהָאלְפְן, דֶער בָּחוּר הָאט נָאר גֶעהַאלְטְן אִין אֵיין זָאגְן: "אִיךְ דַארְף אַ תִּיקוּן בְּרֶענְג מִיר צוּם רֶבִּי'ן פוּן אוּהֶעל". דֶער בַּעַל הַבַּיִת הָאט גֶעזֶען עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין בְּרֵירָה הָאט עֶר זִיךְ אָנְגֶערוּפְן "פֵיין, קוּם צוּם רֶבִּי'ן".

זֵיי קוּמֶען אָן צוּם שְׁטוּבּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, אַזוֹי וִוי דֶער בַּעַל הַבַּיִת אִיז גֶעוֶוען פוּן דִי רָאשֵׁי קְהִילָה הָאט מֶען אִים גְלַייךְ אַרַיינְגֶעלָאזְט, אוּן וִוי נָאר דֶער בָּחוּר אִיז אַרַיינְגֶעקוּמֶען הָאט עֶר זִיךְ אַרָאפְּגֶעוָוארְפְן אוֹיף דֶער עֶרְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אוּן גֶעוֵויינְט: "רֶבִּי גֶעבּ מִיר אַ תִּיקוּן".

דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל שְׁטֵייט אוּן טְרַאכְט צוּ זִיךְ אִיךְ וֵוייס דָאךְ פוּן וֶועלְכֶע מֵיידְל דֶער בָּחוּר רֶעדְט, וַוייל זִי אִיז דָאךְ אַ טָאכְטֶער פוּן אֵיינֶע פוּן אִידְן פוּן דִי קְהִילָה וָואס אִיז פוּן דִי נָאנְטֶע אִידְן פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, וָואס זַיין פַּרְנָסָה אִיז דוּרְךְ פַארְקוֹיפְן פֵּירוֹת אוּן יְרָקוֹת אִינֶעם מַארְק, אוּן דִי מֵיידְל דְרֵייט זִיךְ אַסַאךְ אִינֶעם שְׁטוּבּ פוּנֶעם הֵיילִיגְן יִשְׂמַח מֹשֶׁה, אוּן זִי אִיז אַ גְרוֹיסֶע צַדֵיקֶת אוּן אַ חָשׁוּבְ'עֶ מֵיידְל.

הָאט זִיךְ דֶער רֹאשׁ הַקָּהָל אָנְגֶערוּפְן צוּם רֶבִּי'ן: "אוּנְזֶערֶע חֲכָמִים זָאגְן אַז אַ מֶענְטְשׁ טָאר נִישְׁט מְקַדֵּשׁ זַיין אַ פְרוֹי בִּיז עֶר זֶעט אִיר, אִיז אֶפְשָׁר לָאמִיר דָא מַאכְן אַ שִׁידוּךְ וַוייל דֶער בָּחוּר הָאט שׁוֹין גֶעזֶען דִי מֵיידְל אִיז מֶען קֶען שׁוֹין מַאכְן אַ שִׁידוּךְ". דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ אִיז זֵייעֶר גֶעפָאלְן דֶעם פְּלַאן אוּן גֶעזָאגְט: "דָאס אִיז טַאקֶע זֵייעֶר אַ גוּטֶע פְּלַאן, אָבֶּער מֶען דַארְף פְרֶעגְן דִי עֶלְטֶערְן פוּנֶעם בָּחוּר אוֹיבּ זֵיי זֶענֶען מַסְכִּים צוּ דֶעם שִׁידוּךְ".

אַזוֹי הָאט מֶען טַאקֶע גֶעטוּן, מֶען הָאט גֶעשִׁיקְט רוּפְן דִי עֶלְטֶערְן צוּ קוּמֶען קַיין אוּהֶעל, וֶוען זֵיי זֶענֶען אָנְגֶעקוּמֶען הָאט מֶען זֵיי דֶערְצֵיילְט וִוי זֵייעֶר זוּן קֶען נִישְׁט צוּ זִיךְ קוּמֶען אַז עֶר הָאט גֶעזֶען אַ פְרֶעמְדֶע מֵיידְל, אוּן מֶען אִיז אוֹיפְגֶעקוּמֶען מִיט אַ פְּלַאן אַז אֶפְשָׁר זָאלְן זֵיי וֶוערְן חָתָן כַּלָּה.

הָאט זִיךְ דִי מַאמֶע אָנְגֶערוּפְן: "פַאר מֶען טוּט דִי שִׁידוּךְ וִויל אִיךְ זֶען דִי מֵיידְל". אִיז זִי גֶעגַאנְגֶען צוּם מַארְק אוּן בַּאטְרַאכְט דִי מֵיידְל, אוּן גֶעזֶען זִי אִיז זֵייעֶר עֶרְלִיךְ אוּן אַ צַדֵיקֶת. אָבֶּער וֶוען זִי הָאט מְבַרֵר גֶעוֶוען פוּן וָואסְפַארַא מִשְׁפָּחָה זִי קוּמְט הָאט זִי אוֹיסְגֶעפוּנֶען אַז זֵיי זֶענֶען זֵייעֶר אַ פָּשׁוּטְעֶ מִשְׁפָּחָה אָן קַיין יִחוּס, אוּן אוֹיךְ דִי מִשְׁפָּחָה הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע נָאמֶען. אִיז זִי צוּרִיקְגֶעקוּמֶען צוּם יִשְׂמַח מֹשֶׁה אוּן גֶעזָאגְט: "אִיךְ בִּין נִישְׁט מַסְכִּים צוּ דֶעם שִׁידוּךְ, זִי אִיז טַאקֶע אַ צַדֵיקֶת אוּן אַן עֶרְלִיכֶע אָבֶּער זִי אִיז פוּן אַ פָּשׁוּטְעֶ מִשְׁפָּחָה אָן קַיין יִחוּס, אוּן אוֹיךְ דִי מִשְׁפָּחָה הָאט נִישְׁט קַיין גוּטֶע נָאמֶען". הָאט דֶער הֵיילִיגֶער יִשְׂמַח מֹשֶׁה זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ גֶעעֶנְפֶערְט: "טוּ דִי שִׁידוּךְ! אוּן אִיךְ זָאג אַייךְ צוּ אַז מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְנְ'ס הִילְף וֶועט אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן זֵיי שֵׁיינֶע דוֹרוֹת אוּן פוּן זֵיי וֶועט זִיךְ אָנְפַאנְגֶען דִי יִחוּס".

וֶוען דִי מַאמֶע הָאט גֶעהֶערְט דִי וֶוערְטֶער הָאט זִי מַסְכִּים גֶעוֶוען אוּן מֶען הָאט גֶעעֶנְדִיגְט דִי שִׁידוּךְ. פוּן דֶעם פָּארְפָאלְק אִיז טַאקֶע אַרוֹיסְגֶעקוּמֶען צַדִיקִים אוּן רֶבִּי'ס פוּן דִי גֶזַע פוּן דֶעשׁ, אַלְץ אִינֶעם זְכוּת פוּן דִי הֵיילִיגֶע אוֹיגְן פוּן דֶעם הֵיילִיגְן צַדִיק רֶבִּי מְנַחֵם מֶענְדְל זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ בַּעַל מְחַבֵּר סֵפֶר מַעְגְּלֵי צֶדֶק.




וואוֹיל אִיז דֶער וָואס בֶּעט דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל זִיךְ קֶענֶען הִיטְן זַיינֶע אוֹיגְן וֶועט אִים גוּט זַיין אוֹיף דֶער וֶועלְט אוּן אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

**(שיחות מוהרא"ש חלק טו' ערך עינים)**



# דעם הייליגן רבינ'ס לעבנסגעשיכטע



ק"מ

## פָּארְזֶעצוּנְג פוּן פְרִיעֶר:

**אִין אֵיינֶע פוּן דִי טֶעג פוּן עֲשֶׂרֶת יְמֵי תְּשׁוּבָה זָאגְט דֶער רֶבִּי אַ לַאנְגֶע תּוֹרָה וָואס צִיעֶט זִיךְ פַאר פִיר שָׁעָה.**

וֶוען דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אִין דִי תּוֹרָה אַז אַלֶע קוֹלוֹת זֶענֶען עַזוּת, וִוי אוֹיבְּנְדֶערְמַאנְט, הָאט דֶער רֶבִּי צוּגֶעלֵייגְט אַז אוֹיךְ דֶער קוֹל פוּן דִי מַטְבֵּעוֹת וָואס קְלַאפְּן בַּיים גֶעבְּן צְדָקָה, אִיז אוֹיךְ אַ בְּחִינָה פוּן עַזוּת דִקְדוּשָׁה.

שַׁבָּת פַּרְשַׁת נֹחַ, רֹאשׁ חוֹדֶשׁ חֶשְׁוָן, אִיז גֶעוֶוען אַ שַׁבָּת פַאר דִי חֲתוּנָה פוּנֶעם רֶבִּי'ן טָאכְטֶער מִרְיָם, עֶס אִיז גֶעוֶוען דֶעמָאלְט דִי פָארְשְׁפִּיל, אוּן דֶער רֶבִּי אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר פְרֵיילִיךְ דֶעם גַאנְצְן שַׁבָּת, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן אַ גַאנְצְן טָאג. דִי טֶענְץ וָואס מֶען הָאט דֶעמָאלְט גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן הָאט מֶען קֵיינְמָאל פַארְדֶעם נִישְׁט גֶעזֶען בַּיי אִים, עֶר הָאט גֶעטַאנְצְן כִּמְעַט אַ גַאנְצְן שַׁבָּת. אַסַאךְ אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאכְן הָאט מֶען גֶעזֶען בַּיים רֶבִּי'ן יֶענֶעם שַׁבָּת.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעדַאוֶוענְט מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ זַייעֶנְדִיג אָנְגֶעגַארְטְלְט בְּלוֹיז מִיט אַ פַּאטְשֵׁיילֶע פוּן גְרוֹיס שִׂמְחָה. בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אִיז דֶער רֶבִּי גֶעזֶעסְן מִיט אַנְשֵׁי שְׁלוֹמֵינוּ אוּן עֶר הָאט זֵיי גֶעזָאגְט זֵיי זָאלְן גוּט גֶעדֶענְקֶען דֶעם שָׁלשׁ סְעוּדוֹת.

עֶר הָאט דֶערְצֵיילְט דֶעמָאלְט אַז אוּם רֹאשׁ הַשָּׁנָה פוּן יֶענֶעם יָאר הָאט אִים גֶעגֶעבְּן טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ פַאר אַלֶע זַיינֶע אוֹיסְגַאבְּן, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען עֶרְגֶעץ אוֹיף אַ פְּלַאץ, אוּן עֶר הָאט דָאךְ זֵייעֶר שְׁטַארְק לִיבּ תּוֹרָה, אוּן עֶר אִיז גֶעוֶוען אוֹיף אַ פְּלַאץ וואוּ מֶען הָאט דָארְט גֶעזָאגְט זֵייעֶר הוֹיכֶע תּוֹרָה, אִיז עֶר אַהִינְגֶעגַאנְגֶען הֶערְן דִי תּוֹרָה, אָבֶּער עֶס אִיז גֶעשְׁטַאנֶען דָארְט אַ שׁוֹמֵר בַּיים טִיר וָואס הָאט אִים נִישְׁט גֶעוָואלְט אַרַיינְלָאזְן, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט אִים גֶעגֶעבְּן דִי גַאנְצֶע טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ אַז עֶר זָאל אִים יָא אַרַיינְלָאזְן.

דֶער רֶבִּי הָאט גֶעזָאגְט אַז עֶר הָאט גֶעהַאט אַ גְרוֹיסֶע יֵצֶר הָרָע אוֹיף דִי טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ, עֶס נִישְׁט צוּ גֶעבְּן פַארְ'ן שׁוֹמֵר, אוּן עֶר קֶען אֲפִילוּ דֶעם יֵצֶר הָרָע וָואס גֶעפוּנְט זִיךְ דָארְט.

לְמַעֲשֶׂה הָאט עֶר יָא גֶעגֶעבְּן דִי טוֹיזְנְט רֶענְדְלֶעךְ אוּן אִיז עֶר אַרַיין דָארְט אוּן גֶעהֶערְט דָארְט וָואס עֶר הָאט גֶעהֶערְט, אוּן מֶען הָאט פַארְשְׁטַאנֶען פוּן רֶבִּי'ן אַז דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט גֶעזָאגְט, דִי תּוֹרָה "חוֹתָם בְּתוֹךְ חוֹתָם", אִיז פוּן דִי תּוֹרָה וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט. עֶס אִיז אָבֶּער נָאר גָאר אַ קְלֵיינֶע פְּרָאצֶענְט פוּן דִי תּוֹרָה, אַ קְלֵיין חֵלֶק פוּן וָואס עֶר הָאט דָארְט גֶעהֶערְט.

דֶערְנָאךְ הָאט דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט תּוֹרָה בַּיי שָׁלשׁ סְעוּדוֹת אוֹיפְ'ן פָּסוּק (בַּמִּדְבָּר י"ד, כ') "וַיֹּאמֶר ה' סָלַחְתִּי כִּדְבָרֶךָ", וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת "כּוֹסִי", אוּן עֶר הָאט מְגַלֶּה גֶעוֶוען ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע זַאכְן אוֹיף דֶעם, מֶען הָאט אָבֶּער נָאר גֶעדְרוּקְט רָאשֵׁי פְּרָקִים פוּן דִי תּוֹרָה (אִין לִיקוּטֵי מוֹהֲרַ"ן, חֵלֶק א', סִימָן קע"ז).

רֶבִּי נָתָן הָאט דֶעמָאלְט גֶעעֶנְדִיגְט זָאגְן קַדִּישׁ נָאךְ זַיין מַאמֶע, אוּן דֶער רֶבִּי הָאט גֶערֶעדְט אוֹיךְ פוּן דֶעם אִין דִי תּוֹרָה, וִוי עֶר דֶערְמַאנְט דָארְט דֶער נוּסַח פוּן קַדִּישׁ "**יִתְגַּדֵּל וְיִתְקַדֵּשׁ שְׁמֵיהּ רַבָּא**".

דִי גְרוֹיסֶע שִׂמְחָה וָואס מֶען הָאט גֶעזֶען דֶעמָאלְט בַּיים רֶבִּי'ן, קֶען מֶען זִיךְ גָארְנִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן אוּן אִיבֶּערְדֶערְצֵיילְן, "אַשְׁרֵי עַיִן רָאֲתָה זֹאת", וואוֹיל זֶענֶען דִי אוֹיגְן וָואס הָאבְּן דָאס גֶעזֶען אוּן מִיטְגֶעהַאלְטְן.

וָואס הָאט וַוייטֶער פַּאסִירְט?
לֵיינְט קוּמֶענְדִיגֶע וָואךְ אי"ה


א יו"ט א
שיינע
New
האנדלט אייך
איין דעם
הערליכן
חנוכה טישל
און באשיינט
די הייליגע
חנוכה
לעכטעלעך
CUSTOM
SHOWROOM
FINE JUDAICA
917-474-6118
BORO PARK:
4529-16TH AVE.
BROOKLYN NY 11204
WILLIAMSBURG:
187 RODNEY STREET
BROOKLYN NY 11211
LIBERTY:
10 School St.
By appointment only, Ext.3
*sruliHeskel

פאר די ברסלב'ע שטוב

# אפן דיין שירעם

ש. טראכטער

- לעטשא
  ש.ל. פליישמאן
- איך בוק א נאמבער
  הער א מעשה



# הער א מעשה

רופט אריין מיט אייער מעשה צו 845-662-4083 אדער שיקט צו Breslevofficeliberty@gmail.com

## מ. ל.
### וויליאמסבורג

איך בין גרייט מיט אלע קינדער אראפצוגיין צו די באס. אבער וואס קען איך טון אז מ'ווארט שוין אזוי לאנג אויף די עלעוועיטער און ערגעץ ביי איינס פון די שטאקן ווערט עס אויפגעהאלטן, די מינוטן רוקן זיך און עס ווערט שפעטער און שפעטער, צוזאמען בעטן מיר דעם אייבערשטן, "באשעפער העלף מיר זאלן אנקומען צו די באס צייטליך".

ווען די עלעוועיטער איז שוין ענדליך אנגעקומען האט זיך עס געהאלטן אין איין אפשטעלן ביי יעדע שטאק, מענטשן זענען געקומען און געגאנגען. פאר מיר ברענט די מינוטן ס'איז מיר גארנישט אזוי איינגענעם צו פארפאסן די באס, איך קען גארנישט טון אויסער שטיין רוהיג און בעטן ווייטער דעם אייבערשטן.

איך קום אן אונטן אין גאס און שכח אייבערשטער די באס קומט אן פונקט דעמאלט און די קינדער זענען ארויף אויפן באס. תפילה העלפט.

איך געבעטן דעם אייבערשטן זאל מיר העלפן, ווייל איך ווייס אז מיין אינגל האט א לאך אין איין ציין, ברוך השם עס טוט אים נישט וויי אבער איך וויל עס נישט לאזן אזוי.

איך רוף איין דענטיסט, זיי קענען מיר געבן אן אפוינטמענט נאך א האלבע יאר. איך רוף א צווייטע דענטיסט, זיי קענען מיר געבן נאך שפעטער ווי נאך א האלבע יאר. "באשעפער איך פארלאז מיך אינגאנצן אויף דיר, העלף עס זאל מיר גרינג אנקומען, איך קען אים נישט לאזן אזוי לאנג מיט א לאך אין די ציין". איך האב געבעטן דעם אייבערשטן יעדן צופרי ווען איך האב געפוצט זיינע ציין, איך האב געדאנקט דעם אייבערשטן אז ער האט ציינער און אז עס טוט אים נישט וויי און איך האב געבעטן עס צו קענען פאררעכטן.

איך האב נאכאמאל פרובירט צו קלינגען די ערשטע דענטיסט און זיי זאגן מיר "קענסט קומען מארגן", שכח אייבערשטער זיי האבן איבערגעקוקט די ציין און אויך מסכים געווען צו פאררעכטן גלייך אויף די זעלבע טאג אז איך זאל נישט דארפן צוריקקומען נאכאמאל.

שכח אייבערשטער!

## ל. לב
### ירושלים

איך ווייס נישט אויב אין אנדערע פלעצער איז אזוי שווער די מעשיות מיט דענטיסטס, אבער דא אין ירושלים איז עס א שווערע נושא. אזוי ווי דער ראש ישיבה שליט"א האט גערעדט ביי א שיעור די וויכטיגקייט פון נעמען די קינדער צום דענטיסט האב

## א פרוי פון
### קרית יואל

מיין שוועסטער איז געגאנגען זיך אפרוען אויף צוויי טעג, אזוי ווי זי האט א גרויסע משפחה און אויך עלטערע קינדער, האט זי מיר געבעטן אויב איך קען קומען צו איר הויז קאכן נאכטמאל און אפוואשן די

קלענערע קינדער ביז די עלטערע קינדער קומען אהיים.

איך האב זיך געגרייט צו גיין צו איר הויז אין די פארמיטאג שעות, אבער פארדעם האב איך געדארפט באשטעלן פלייש אז זיי זאלן עס דעליווערן צו מיין שוועסטער'ס הויז כדי איך זאל עס קענען נאכדעם אפקאכן ווען איך קום אן. די פראבלעם איז אז איך בין צוגעוואוינט צו ניצן אן אנדערע פלייש געשעפט פון וואס זי נוצט, און איך האב נישט די נאמבער פון יענע פלייש געשעפט וואס זי נוצט.

אנשטאט איר צו באדערן אינמיטן איר קורצע אפרו צייט, האב איך זיך רוהיג געשטופט מיין בעיבי אין די וועגעלע פאר א קורצע שפאציר און איך שמועס מיט מיין טאטע אין הימל, "באשפעבר ביטע העלף מיר טרעפן די נאמבער פון יענע פלייש געשעפט".

פלוצלונג זע איך גלייך נעבן מיר פארט אריבער א דעליווערי טראק וואס שטייט ריזיג אויפגעשריבן די נאמען פון יענע פלייש געשעפט מיט זייער נאמבער.

איך האב זיך צולאכט צו מיר אליין ווען איך האב געזען די אינטערעסאנטע וועג ווי אזוי דער אייבערשטער האט מיר געענטפערט מיין תפילה, אבער איך האב נישט געקענט צו לאנג לאכן ווייל איך האב שנעל געדארפט אריינדרוקן די נאמבער אין מיין טעלעפאן פאר די טראק פארט אדורך און איך פארגעס די נאמבער.

די ארדער האב איך ברוך השם באשטעלט און ברוך השם עס איז געווען א טאג מיט הצלחה.

## ש. ח. שטיין
קרית ברסלב

דריי צוויבל ליגט אין מיין פרידזידער. וואס טוט מען מיט דריי צוויבל? אויב נוץ איך עס נישט היינט וועט עס שוין איבערבלייבן אויף קומענדיגע וואך, אבער קומענדיגע וואך וועט עס שוין זיין אלט.

איך זוך אויף אין מיין רעספעפי ביכער א גוטע עצה, איך קוק אפשר א צוויבל זופ, אבער אלע צוויבל זופ קומט מיט 8 אדער מער צוויבל. און אויך קומען אלע

זופ אין גרויסע רעספעפיס און כ'האב נישט אזא גרויסע מילכיגע טאפ. בעט איך דעם אייבערשטן:

1. צו קענען נוצן די 3 צוויבל.

2. עפעס וואס וועט אריינגיין אין מיין צוויי קווארט טאפ.

3. ס'זאל זיין פונקט וואס מיין מאן וועט שטארק הנאה האבן.

שכח אייבערשטער כ'האב געטראפן אין איין רעספעפי בוק א גוטע צוויבל זופ וואס קומט פונקט 3 צוויבל און איך האב געהאט אויך די אנדערע באשטאנדטיילן אינדערהיים, און עס קומט פונקט אין א צוויי קווארט טאפ. שכח אייבערשטער ס'איז ארויסגעקומען עקסטער גוט, און מיין מאן איז אהיימגעקומען און שטארק הנאה געהאט פון די תפילה זופ!

## ל. וועבערמאן
קרית ברסלב

שכח אייבערשטער אז איך קען ארויסהעלפן אין די ברסלב'ע באזאר. פאר סוכות איז אנגעקומען זייער אסאך באקסעס פון וועש, נאכן זיך צאמנעמען פונעם יום טוב האב איך געזען אז מ'יאגט נישט אן די ארבעט, וויפיל מ'פרובירט צו טון איז אלץ דא מער זאכן וואס קומען אן.

יעדן טאג בעט איך דעם אייבערשטן, אבער דאס מאל האב איך געבעטן אויף א וועג פון וויסן אז איך האב שוין נישט קיין איין עצה, פון אלע זייטן איז נאר דא מער און מער ארבעט אן דעם וואס איך זאל זען דעם וועג ארויס.

איך האב געמאכט א שיינע שמועס מיטן אייבערשטן און פרובירט מיטיילן אלע פרטים, און איך האב אויך דערמאנט ווי דער אייבערשטער האט שוין אזוי סאך מאל געהאלפן ווען איך האב נישט געקענט טרעפן קיין עצה. שכח אייבערשטער איך האב געזען ווי דער אייבערשטער האט געהאלפן אז מ'האט אנגעיאגט אזויפיל ארבעט, מער ווי דרך הטבע.

דער אייבערשטער פארלאזט נישט.

ש. טראכטער



# עפן דיין שירעם

אין א רעגנדיגע מוצאי שבת האב איך זיך ארויסגעלאזט אפנעמען מיין טאכטער, וואס איז געגאנגען פארברענגען ביי א קרובה שבת נאכמיטאג. איך קוק צום הימל, עס זעט אויס ווי א גָאס רעגן קען זיך ארראפלאזן יעדע רגע, דעריבער האב איך מיטגענומען א שירעם זיך צו באשיצן, ווען די רעגן לאזט זיך אראפ.

איך נעם אפ מיין טאכטער. ברוך השם עס רעגנט נישט. די וועטער איז געווען מילד און איך האב הנאה געהאט פונעם קורצן שפאציר.

אינצווישן איז די גשמי ברכה אנגעקומען.

מיר האבן פארשנעלערט אונזערע טריט, אבער די רעגן איז געקומען שטערקער און שטערקער. איך האב אנגעטון די "הוד" (קאפל) פון מיין טאכטער'ס מאנטל אויף איר און נאך שנעלער זיך געיאגט.

אבער די רעגן איז אראפגעקומען נאך שטערקער. זעענדיג אז מיר וועלן נישט קענען זיך באשיצן פונעם רעגן, בין איך צוגעגאנגען צו א הויז ביים זייט און זיך געשטעלט אונטער א דעכל, ווארטנדיג אז די רעגן זאל נאכלאזן.

אזוי שטייען מיר אפאר מינוט און מיר ווארטן, אבער די רעגן קומט ווייטער פעסט. פלוצלינג געב איך א קוק אויף מיין האנט און איך צושמייכל זיך.

"אוי, איך האב אינגאנצן פארגעסן אז איך האלט א שירעם אין האנט." איך האב די ישועה ביי מיר אין האנט און איך האב ניטאמאל געדענקט.

איך עפן אויף די שירעם און מיר הייבן אן מאכן די וועג צו אונזער הויז, באקוועם, שנעל און טריקן.

...

אזויפיל מאל אין לעבן טוען מיר די זעלבע.

"האסט אן עצה פאר מיין בעיבי וואס הערט נישט אויף וויינען?"

"וואו קען איך שאפן א גוטע רוימערקע?"

"וויאזוי קום איך צו צו אמת'ע שלום בית?"

"וויאזוי באגייט מען זיך מיט טינעדזש קינדער?"

"איך שפיר צודרוקט פון די מאנגל אין געלט. פארוואס שאפט נישט מיין מאן נאך ארבעט?"

"וויאזוי געט מען זיך אן עצה מיט שרעקליכע קאפ ווייי?"

"פארוואס קוק איך שלעכט אויף יעדן (ואני בתוכם)?"

...

יא, עס איז באמת דא גוטע עצות פאר יעדע פראבלעם. פונקט ווי איך האב געהאט גוטע עצות זיך מסדר צו זיין אינעם רעגן. מען קען אנטון א "הוד", מען קען גיין שנעל, מען קען גיין אונטער א דאך אוןווארטן עס זאל אריבערגיין... און מען קען אויפהייבן די האנט און עפענען א שירעם.

ניין, די רעגן האט זיך נישט אויפגעהערט, אבער מיר איז געווארן באקוועם!

עס איז דא אסאך נוצבארע עצות אין לעבן וואס מען קען טון, אבער די עכטע, בעסטע, ווירקזאמסטע עצה, די עצה פאר אלע עצות... הייב אויף די האנט, עפן דיין שירעם, מאך א תפילה.

תפילה באשיצט אונז. תפילה העלפט אונז. תפילה ברענגט ניסים. צומאל זענען מיר אזוי אריינגעטון אין די השתדלות אז מיר פארגעסן "הוא בורא ומנהיג."

דער אייבערשטער איז אונטער אלעם. קיין זאך פאסירט נישט אליינס. דיין בעיבי וויינט נישט, "ווייל איך האב איר געפיטערט סיריעל." קען זיין אז דאס איז די דרך הטבע

די עצה איז אבער צוערשט, "תפילה, תפילה תפילה..." אוודאי מעג מען הערן נוצליכע עצות, אבער מען קען נישט מדמה זיין א עצה נאך תפילה און אן עצה פאר תפילה.

תפילה איז די עצה פאר אלע עצות!

מען האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן חזון איש, "וואס איז חינוך?" האט דער צדיק געענטפערט, "99% תפילה און 1% השתדלות."

"וואס איז השתדלות?" האבן די תלמידים געוואלט וויסן.

"א קאפיטל תהלים." האט דער חזון איש געענטפערט.

אינעם געיעג פון לעבן פארגעסן מיר צומאל זיך אפצושטעלן און מאכן תפילה. מיר זענען שוין אזוי געוואוינט צו די הערליכע שיעורים און בריוו פון עצתו אמונה, אז אין א געוויסע זין פארגעסן מיר צומאל צו "ליינען" מיט די עיני השכל, די הארץ און נשמה וואס עס שטייט דארט.

## מען האט אמאל געפרעגט דעם הייליגן חזון איש, "וואס איז חינוך?" האט דער צדיק געענטפערט, "99% תפילה און 1% השתדלות."

איינער האט מיר נאכגעזאגט פונעם ראש ישיבה שליט"א אז דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט, "עצתו אמונה איז גוט צו ליינען מיט די מויל." אזוי גייט עס אריין אין די ביינער.

טאקע ווייל מיר ווייסן שוין אזוי סאך פון די עצה פון התבודדות קענען מיר צומאל פארגעסן דערפון. א שמועס צווישן אנשי שלומינו קען אמאל גיין אזוי, "וואס טו איך אז מיין בעיבי הערט נישט אויף צו וויינען? פארשטייט זיך בעטן דעם אייבערשטן און לייגן געלט אין פושקע, אבער וואס נאך?"

ב"ה. מיר זענען זוכה צו הערן וואך נאך וואך, טאג נאך טאג, שיעורים וואס טראפן טראפעלעך אמונה אויף אונז, אבער מיר מוזן "נעמען" די מעדעצין. דער ראש ישיבה האט אמאל געזאגט ביי א שיעור, "איך ווייס אז דו רעדסט "א גאנצן טאג" צום אייבערשטן... אבער לאמיר אראפנעמען "איין מינוט" צו רעדן צום אייבערשטן."

צומאל דאכט זיך אונז אליינס אז מיר רעדן און רעדן. אבער נעם זיך א זייגער און בעט דעם אייבערשטן אז דו זאלסט זיך קענען מצמצם זיין "איין מינוט". עס איז א זכי' צו קענען רעדן "איין מינוט" אן בלבולים, אן מישעניש, אן זיך דערמאנען אלע זאכן וואס מען דארף ערלעדיגן, אן פארפארן אינמיטן רעדן צום אייבערשטן צו א שמועס אין מח מיט די.... מאן, מאמע, חבר'טע וכו'.

מען דארף אזויפיל תפילה צו קענען מאכן תפילה. און ווען מען איז זוכה צו מאכן אמת'ע תפילה, קען מען שוין נאכדעם שפאצירן אין די רעגן, אנגענעם, באקוועם און טרוקן.

מענטשן וואונדערן זיך, "התבודדות נעמט אוועק אלע פראבלעמען?"

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט ביים דאנערשטאג נאכט שיעור פרשת חיי שרה אז ביי שרה שטייט "כולן שוין לטובה" אלע אירע יארן איז געווען צום גוטן.

איז איר לעבן עפעס געווען אזוי גוט? זי איז צוויי מאל געווארן פארכאפט. א טראמא. זי האט נישט געהאט קינדער 90 יאר. זי האט בכלל נישט געהאט א גרינגע לעבן. וואס זאגט אונז רש"י דא?

האט דער ראש ישיבה געזאגט א טייער ווארט, "עס איז איר געווען גוט." שרה האט געלעבט א לעבן מיט אמונה, מיט תפילה והתבודדות און דערפאר איז איר לעבן געווען גוט.

דאס מיינט נישט אז די מצב האט זיך געטוישט, נאר "זי" האט זיך געטוישט. אז מען איז זוכה צו לעבן מיט תפילה והתבודדות יעדן טאג, ווערט "מיר" גוט. אוודאי זעט מען ניסים און אז זאכן טוישן זיך, אבער די גרעסטע נס וואס פאסירט איז אז איך נעם אריין אין מיין מח אז דער אייבערשטער פירט די וועלט און ער פירט מיר אז ער מאכט אזוי איז מיר זיכער גוט.

ווען איך האב שפאצירט מיט מיין טאכטער, האט די רעגן נישט אויפגעהערט, אבער עס איז אונז געווארן גוט, ווייל ווען מען איז באשיצט אונטער די פליגלען פון אמונה, דאן איז מיר גוט, אפילו ווען מען גייט אינמיטן א גאס רעגן.

לאמיר מאכן תפילה אז מיר זאלן לעבן מיט תפילה. מיר זאלן געדענקען פון די וואונדערליכע ישועה וואס ליגט אין אונזער האנט און עס נוצן!

ש. ל. פליישמאן

# אויפן וועג אהיים

צוזאמען ביים שיעור פארברענג. ווערן בעסער איך בענק. כאטש עפעס איך געדענק.

## לעטשא

ס'איז מאנטאג, מיין לוח צו מיר רופט,

קום ארויס, שעפן פרישע לופט...

אריינאטעמען oxygen, אביסל $O^2$,

הערן נאכאמאל: דער אייבערשטער איז דא!

........................................................

איך שטיי מיר אין מיין kitchen,

די לעטשא איך טו מישן,

אויפן זייגער פאלט מיין בליק,

ווען קומט מיין מאן צוריק?

עס איז שוין לאנג זייגער זעקס,

איך רוף אים און איך טעקסט.

ער ענטפערט אבער נישט,

די טאפ ווייטער איך מיש...

ס'איז שוין זעקס פופצן...

טו איך צו מיר זיפצן.

מיין כח און געדולד קענען,

שוין כמעט אויסברענען...

ס'איז שוין זעקס דרייסיג,

לוינט מיר צו זיין בייסיג...?

זיך באזעצן אין א קטנות,

פארוואס ער איז נישט באצייטנס?....

זיי שלעפן מיר מיין קלייד,

א קינד ביי יעדע זייט...

ס'איז שוין ¾ נאך זעקס,

"באשעפער, וואס טו איך next?"

*מען קוויטשקעט ווי די הינדעלעך,*

*ס'דא צו טוישן אפאר ווינדעלעך...*

*א קריגעריי פונדערווייטנס,*

*מ'דארף עס אפשטעלן באצייטנס...*

*די קליינע דארף מען באדן,*

*די קאך עטוואס אויסגראדן...*

*די בעיבי, נאר די מאמע וויל,*

*מיט א קוש און מיט געפיל.*

*אויך דארף איך האלטן קאפ,*

*נישט צוברענען דעם טאפ...*

*(לעטשא!)*

*מ'זינגט די מאמי, מאמי, מאמי song,*

*ווי אזוי בלייב איך strong?*

*אין די בהלה אינדערמיט,*

*בין איך גע'סענדוויטש'ט גוט....*

*איך האב א גוטע פלאן:*

*זיך באהאלטן אונטערן טורבאן...*

*מיין מח לויפט אויף שרויפן,*

*איך וויל ערגעץ אנטלויפן...*

אנטלויפן? אבער וואו?

ומנוס לי...

צום אין עוד מלבדו,

לויפט א קלוגע פרוי...

ווען פיל פלאג דו גייסט אריבער,

שטארק זיך ווי א גיבור!

מיט די טאגטעגליכע מהומה,

פארמעסט זיך מיט אמונה!

ווען עס ווערט שוין זייגער זיבן...

און קוים כח איז דיר געבליבן...

דיינע אויגן ארויף הייב אויף...

"באשעפער צו דיר איך אנטלויף"...

"ס'איז קיינער דא נאר דו,

אלעס טוסטו, אלעס ביסטו...

באשעפער שטארק מיין גלייבן,

איך זאל קענען פריילך דערהייבן...!"

**צו הערן די גאנצע שיעור פונעם ראש ישיבה רופט 212-444-9191 - 212-444-9169**



# Donuts

BY: S. BAUM

## INGREDIENTS:

- 7 CUPS FLOUR
- 3 TABLESPOON SUGAR
- 4 OZ YEAST
- 1 CUP WARM WATER
- 3/4 CUP ORANGE JUICE
- 1 1/2 STICKS MARGARINE
- 1 TEASPOON SALT
- 5 EGG YOLKS
- 1 EGG
- 4 VANILLA SUGAR

## GLAZE:

- 1 1/2 CUP CONNECTION SUGAR
- 4 TABLESPOON COCOA
- 2 TABLESPOONS HOT WATER
- 1 TEASPOON OIL
- 1 TSP VANILLA EXTRACT

THANKS P. ZUSSMAN

## DIRECTIONS:

DOUGH:

IN A SMALL BOWL ACTIVATE WATER AND YEAST.

ADD REST OF INGREDIENTS TO A BOWL AND MIX.

ONCE THE YEAST IS ACTIVATED ADD IT TO THE MIXTURE AND MIX WELL TO FORM A SMOOTH DOUGH.

SET ASIDE TO RISE FOR 30 MIN.

ROLL OUT DOUGH INTO A THICK RECTANGLE AND WITH A CUTTER SHAPE IT INTO CIRCLES.

PLACE ONTO FLOURED SHEET TO RISE ANOTHER 3 MIN. DEEP FRY.

GLAZE:

MIX ALL INGREDIENTS.

ADD MORE WATER UNTIL DESIRED CONSISTENCY

ONCE DONUTS ARE COOLED DIP DONUTS IN GLAZE.

NOTES: FOR MORE EXCITING GLAZE SKIP THE COCOA AND ADD A FEW DROPS OF FOOD COLORING FOR A COLORED GLAZE.

קרן ה

היכל

להדפסת והפצת ספרי רבינו ז"ל

על ידי הפצת ספרי רב

מיר ווילן אויס
הכרת הטוב
הנכבד פאר

פרנס החו

מו"ה ישראל דו
מו"ה משה ע

דער אייבער
העלפן אז אין
און פארשפ
הייליגן רבינ'ס
דיר דער א
ערפילן כל מ

## פרנס השנה

מו"ה
יצחק איידק ראטה
הי"ו

מו"ה
שלמה זלמן גלאנשטיין
הי"ו

מו"ה
הרוצה בעילום שמו
הי"ו

מו"ה
זלמן לייב מייזעלס
הי"ו

מו"ה
אברהם שבתי מזרחי
הי"ו

## פרנס החודש

**ניסן**
מו"ה יחזקאל זיגלער הי"ו
לע"נ ר' יצחק בן ר' אברהם

**תמוז**
מו"ה יהודה אריה ראטה הי"ו
הרוצה בעילום שמו

**אייר**
מו"ה משה האמער הי"ו
מו"ה אשר לעווי הי"ו

**אב**
מו"ה אלי קנאלל הי"ו
מו"ה מרדכי לייב טירנויער הי"ו

**סיון**
מו"ה בניהו אונגאר הי"ו
מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו

**אלול**
מו"ה לוי יצחק זאפיר הי"ו
מו"ה אשר לעמיל זוסמאן הי"ו

*sruliHeskel

## פרנס השנה

| | |
|---|---|
| מו"ה<br>הרוצה בעילום שמו<br>הי"ו | מו"ה<br>יקותיאל פעלדמאן<br>הי"ו |
| מו"ה<br>מאיר וויזעל<br>הי"ו | מו"ה<br>דוד טשינגל<br>הי"ו |
| מו"ה<br>יואל מארקאוויטש<br>הי"ו | |

## פרנס החודש

| | | | |
|---|---|---|---|
| תשרי | מו"ה חיים ישעי' דעפרים הי"ו<br>מו"ה אהרן וועבערמאן הי"ו | טבת | מו"ה שלמה לאנדא הי"ו<br>מו"ה שאול חיים איינהארן הי"ו |
| חשון | מו"ה יואל ראזענבערג הי"ו<br>מו"ה דוד מין הי"ו | שבט | מו"ה מרדכי היימליך הי"ו<br>מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו |
| כסלו | מו"ה ישראל דוד העסקעל הי"ו<br>מו"ה משה עקשטיין הי"ו | אדר | מו"ה יואל אפפענהיים הי"ו<br>מו"ה יוסף הכהן פרידמאן הי"ו |

...דפסה
...ל הקודש ברסלב
...ל ותלמידיו הקדושים בעולם

...ינו נביא משיח צדקינו

...דריקן אונזער
...פאר ידידינו
...ן מנדב זיין

...דש כסלו

...ד העסקעל הי"ו
...קשטיין הי"ו

...שטער זאל
...כות פון דרוקן
...פרייטן דעם
...ם ספרים זאל
...יבערשטער
...שאלות לבך.

# מזל טוב

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה קלמן וועבערמאן הי"ו**

וזוגתו רחל תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה שמואל מרדכי שטערן הי"ו**

וזוגתו לאה תחי'

**צו די געבורט פון א מיידל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.

# קלאסיפיידס


***KB Realty***

אכטונג לענדלארדס! זוכט איר נישט אידישע טענענטס פאר אייער אינוועסטמענט פראפערטי?

האט איר אפארטמענטס וואס שטייען ליידיג?

מיטן אייבערשטנ'ס הילף וועלן מיר אייך ברענגען די בעסטע טענענטס.

**רופט שלום שניצלער 347–731–3144**

מיר סערווירן גאנץ ניו יארק און ניו דזשערסי


מיט גרויס פרייד טוען מיר וואונטשן א הערצליכן מזל טוב פאר

**מו"ה יואל משה מייזעלס הי"ו**

וזוגתו שרה תחי'

**צו די געבורט פון א אינגל למזל טוב**

דער אייבערשטער זאל העלפן זיי זאלן זען אסאך נחת פון דעם קינד און אלע קינדער געזונטערהייט.


loop PLUMBING

Keep life flowing

917.202.1206



די אפיס איז נישט די עיקר.

תכלית איז אויפשטיין אינדערפרי דאווענען און לערנען, און פינף אזייגער אהיימגיין צו די ווייב אין קינדער. אבער פאר דאס ביסל וואס מ'דארף ברענגען פרנסה איז נאך דא אוועילעבל איין שטוב אין סי פי פי.

646.938.2503

CATSKILL PROFESSIONAL PLAZA

איינגענעמע אפיסעס \\ אין הארץ פון שטעטל \\ לייכטע איבערבייס פיר און צוואנציג שטונדן \\ פרייזן וואס בייסן נישט \\ פארקינג ביזן דאך

## פאר וועם מאכט דער אייבערשטער מופתים?

ספר המדות



א שיחה אין א בילד:

# חצות



געב א שמייכל:

## די נומער וואס מ'נוצט יעדעס מאל



חנוכה פארמעסט דעדליין:

## דינסטאג וישב

דעם
# רבינ'ס חדר

## א שיחה אין א בילד

**וועלכע שיחה פון רבי'ן דערמאנט דיך די בילד?**




**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער הייליגער רבי זאגט: "ווען מען ווערט מקורב צום צדיק אמת, פאלט ארויף אויפן מענטש א שפלות."

## ברסלב'ע חידות

**די פנים, שכל און נשמה פונעם צדיק ליגט אין זיינע הייליגע**

א. תלמידים
ב. לימודים
ג. דיבורים
ד. ספרים

**ענטפער פון פאריגע וואך:**

דער רבי' זאגט: ווען מען האט אמונת צדיקים דאן ווייסט מען וואס מען דארף צו טון, מען ווייסט ווי אזוי זיך צו פירן.

## גער א שמייכל

**וועלכע נומער נוצט מען יעדעס מאל מען עפנט א טיר?**

LL„‟

געברענגט צו אייך דורך הר"ר אלחנן חיים רוטה שליט"א - גבאי צדקה פאר משפחות אין נויט

## א שטיקעלע ספר המדות

**אֱמוּנָה** - חלק שני

ג. **אֵין הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא עוֹשֶׂה מוֹפְתִים, אֶלָּא לָזֶה שֶׁהוּא מַאֲמִין בִּשְׁנֵי עוֹלָמוֹת.**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מַאכְט נִישְׁט קֵיין מוֹפְתִים נָאר פַאר אֵיינֶעם וָואס גְלֵייבְּט אַז עֶס אִיז דָא צְוֵויי וֶועלְטְן.



# שרייב טישל

## והיו עיניך רואות את מוריך

הייב אן אריינצופילן יעדע ליין פון אויבן ביז אונטן
צו זען א בילד פון **דער הייליגער ריי״ץ מ׳ליובאוויטש זצ״ל**





בילד פון פארגאנגענע וואך: **ר׳ אהרן מ׳בעלזא זצ״ל**

# מענטשערלך

## דֶער מְוַותֵּר, דֶער גֶעוִוינֶער

חֶזְקִי, דָאס אִיז מַיין פְּלַאץ", הָאט מֵאִיר גֶעזָאגְט.

"וָואס עֶפֶּעס? אִיךְ הָאבּ עֶס עֶרְשְׁט גֶעכַאפְּט!" הָאט חֶזְקִי גֶע'טַענֶה'ט.

"אָבֶּער אִיךְ בִּין דָא גֶעזֶעצְן פַארְדֶעם, אִיךְ הָאבּ זִיךְ נָאר אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט פַאר אֵיין מִינוּט", הָאט מֵאִיר צוּרִיק גֶע'טַענֶה'ט.

"אִיךְ דַארְף וַואסֶער".

"אִיךְ דַארְף נָאךְ", דִי אַנְדֶערֶע קִינְדֶער הָאבְּן אוֹיךְ פְּרָאבִּירְט אַז מֶען זָאל זֵיי הֶערְן אִיבֶּער דִי קוֹלוֹת פוּן דִי קְרִיגֶערֵיי.

"וֶוער אִיז מְוַותֵּר?" הָאט מַאמִי גֶעפְרֶעגְט.

חֶזְקִי'ס יֵצֶר הָרַע הָאט אִים צוּגֶעקְלֶעבְּט צוּם בֶּענְקְל. דָאךְ הָאט עֶר זִיךְ גֶעשְׁטַארְקְט אוּן זִיךְ אוֹיפְגֶעשְׁטֶעלְט.

"חֶזְקִי, קוּם זִיצְן נֶעבְּן מִיר אוּן דוּ קֶענְסְט אָנְצִינְדְן דִי מְוַותֵּר מַעֲשֶׂה", הָאט מַאמִי גֶעזָאגְט.

***

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הֶעלְף אַז עֶס זָאל שׁוֹין רֶעגֶענֶען אוּן מִיר זָאלְן הָאבְּן וָואס צוּ עֶסְן", הָאבְּן דִי קִינְדֶער אִין אַלֶע תַּלְמוּדֵי תּוֹרוֹת אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, הָאבּ שׁוֹין רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז אוּן שִׁיק שׁוֹין רֶעגְן", הָאבְּן דִי פֶעלְד אַרְבֶּעטֶער גֶעוֵויינְט.

פַאר פִיל יָארְן צוּרִיק, אִיז גֶעוֶוען אַ טְרִיקֶענִישׁ אִין אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל. עֶס אִיז דוּרְךְ אַ לַאנְגֶע צַייט וָואס עֶס הָאט נִישְׁט גֶערֶעגְנְט, דִי טַייכְן זֶענֶען גֶעוָוארְן אוֹיסְגֶעטְרִיקְנְט אוּן דִי פֶעלְדֶער זֶענֶען גֶעוֶוען לֵיידִיג פוּן עֶסְן. אַלֶע אִידְן הָאבְּן שְׁטַארְק גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר דֶעם, אָבֶּער זֵיי זֶענֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

דִי הֵיילִיגֶע חֲכָמִים הָאבְּן גֶעמַאכְט אַ תַּעֲנִית צִיבּוּר, אַלֶע אִידְן הָאבְּן גֶעפַאסְט אוּן צוּזַאמֶען גֶעבֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן פַאר רֶעגְן.

דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר' אֱלִיעֶזֶר אִיז צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעבֶּעטְן 24 תְּפִילוֹת אָבֶּער דִי אִידְן זֶענֶען נִישְׁט גֶעהָאלְפְן גֶעוָוארְן.

דֶערְנָאךְ אִיז דֶער הֵיילִיגֶער תַּנָּא ר' עֲקִיבָא צוּגֶעגַאנְגֶען צוּם עָמוּד אוּן גֶעבֶּעטְן 1 תְּפִילָה, "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ אֵין לָנוּ מֶלֶךְ אֶלָּא אַתָּה" - אוּנְזֶער טַאטֶע, אוּנְזֶער קֶענִיג, מִיר הָאבְּן נִישְׁט קֵיין אַנְדֶער קֶענִיג, נָאר דוּ.



בילדער: ח. שטיינבערג



"זייֶער גֶערְן", הָאט חֶזְקִי נָאכְאַמָאל מְוַותֵּר גֶעוֶועןְ.

"הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִין זְכוּת פוּן מְוַותֵּר זַיין זָאל אִיךְ גֶעוִוינֶען".
דִי קִינְדֶער הָאבְּן פְרֵיילִיךְ גֶעשְׁפִּילְט אוּן חֶזְקִי הָאט גֶעוִוינֶען.

"נֶעקְסְטֶע מָאל וִויל אִיךְ מְוַותֵּר זַיין", הָאט מֵאִיר גֶעזָאגְט.

חֶזְקִי הָאט גֶעלַאכְט, "אֵיינֶער וֶועט מְוַותֵּר זַיין, אוּן דֶער אַנְדֶערֶער וֶועט מְוַותֵּר זַיין נִישְׁט צוּ מְוַותֵּר זַיין!"

"וִויל אוֹיךְ שְׁפִּילְן", הָאט דֶער קְלֵיינֶער מֹשֶׁה'לֶע גֶעבֶּעטְן.

חֶזְקִי אוּן מֵאִיר הָאבְּן אִים פְּרָאבִּירְט צוּ פַארְשְׁפִּילְן מִיט קַארֶעלֶעך אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ קֶענֶען שְׁפִּילְן רוּאִיג אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט גֶעוָואלְט.

"דַארְף אַ גֶעים", הָאט עֶר גֶעוֵויינְט.

"לָאמִיר אִים אַרַיינְנֶעמֶען אִין דִי שְׁפִּיל", הָאט חֶזְקִי גֶעזָאגְט.

"קוּם מֹשֶׁה'לֶע", הָאט מֵאִיר מְוַותֵּר גֶעוֶועןְ, "דוּ וֶועסְט זַיין מַיין חַבֶר אוּן גֵיין צוּזַאמֶען מִיט מִיר".

מֹשֶׁה'לֶע הָאט שְׁנֶעל אָפְּגֶעוִוישְׁט זַיינֶע טְרֶערְן אוּן זִיךְ אַרָאפְּגֶעזֶעצְט נֶעבְּן מֵאִיר מִיט אַ שְׁמֵייכְל.

"אַז מִיר הָאבְּן מְוַותֵּר גֶעוֶועןְ אִיז יֶעצְט אַ עֵת רָצוֹן", הָאט מֵאִיר גֶעזָאגְט, "לָאמִיר בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן".

דִי קִינְדֶער הָאבְּן צוּגֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן אוּן שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשֶׁעפְּשֶׁעט מִיט דִי לִיפְּן, "הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער הֶעלְף אַז אִיךְ זָאל זַיין אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, זִיךְ שְׁפִּילְן שֵׁיין מִיט יֶעדֶעם אוּן אֵייבִּיג זַיין דֶער וָואס אִיז מְוַותֵּר".

דֶער בֵּית הַמִּדְרָשׁ אִיז גְלַייךְ גֶעוָוארְן פַארטוּנְקְלט, פוּן דִי פֶענְסְטֶער הָאבְּן דִי אִידְן גֶעזֶען וִוי דֶער הִימְל וֶוערְט בַּאדֶעקְט מִיט שְׁוַוארְצֶע וָואלְקֶענֶעס.

ר' עֲקִיבָא הָאט גֶעבֶּעטְן נָאךְ אֵיין תְּפִילָה, "אָבִינוּ מַלְכֵּנוּ רַחֵם עָלֵינוּ", הָאבּ רַחְמָנוּת אוֹיף אוּנְז הֵיילִיגֶער בַּאשֶׁעפֶער, אוּן שִׁיק שׂוֹין רֶעגְן.

גְלַייךְ הָאבְּן זִיךְ דִי הִימְלֶען גֶעעֶפְנְט אוּן עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן רֶעגְנֶען.

הָאסְט גֶעזֶען וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁען?" הָאבְּן דִי מֶענְטְשְׁן אִין שׁוּל שְׁטִילֶערְהֵייט גֶעשְׁמוּעֶסְט צְוִוישְׁן זִיךְ.

"עֶס זֶעט אוֹיס וִוי ר' עֲקִיבָא אִיז אַ גְרֶעסֶערֶער צַדִיק וִוי ר' אֱלִיעֶזֶר, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען זַיינֶע תְּפִילוֹת".

פְּלוּצְלוּנְג הֶערְן זֵיי אַ קוֹל פוּן הִימְל, "בֵּיידֶע זֶענֶען גְרוֹיסֶע צַדִיקִים. ר' עֲקִיבָא'ס תְּפִילוֹת זֶענֶען גְלַייךְ אָנְגֶענוּמֶען גֶעוָוארְן וַוייל עֶר אִיז אַ מַעֲבִיר עַל מִדּוֹתָיו, עֶר אִיז אֵייבִּיג מְוַותֵּר אוּן וֶוער עֶס אִיז מְוַותֵּר הָאט אַ כֹּחַ פוּן תְּפִילָה".

***

"וִוילְסְט שְׁפִּילְן אַ גֶעים?" הָאט חֶזְקִי גֶעפְרֶעגְט.

"זִיכֶער!" הָאט מֵאִיר גֶעעֶנְטְפֶערְט, "אִיךְ בִּין עֶרְשְׁט".

חֶזְקִי הָאט גֶעטְרַאכְט צוּ זִיךְ, 'עֶס אִיז עֶכְט נִישְׁט קֵיין חִילוּק וֶוער עֶס גֵייט עֶרְשְׁט, אוֹיבּ מִיר וֶועלְן זִיךְ יֶעצְט קְרִיגְן וֶועלְן מִיר נִישְׁט קֶענֶען שְׁפִּילְן, אִיךְ וֶועל עֶנְדֶערְשׁ גֵיין דֶער צְוֵייטֶער אוּן הֲנָאָה הָאבְּן פוּן א רוּאִיגֶע, פְרֵיילֶעכֶע גֶעים'.



# קליין און פיין


משפחת העסקעל - יעקב אבינו'ס לייטער


משפחת בוים


משפחת שווארטץ


משפחת שטיינבערג


יונתן לעזער


חי אסתי יאקאבאוויטש


פייגי עקשטיין


שלום פארקאש


יודל יאקאבאוויטש
יעקב אבינו לייטער


לאה בראון


נתי פורסט


נפתלי און מאטי
העסקעל - קבר רחל

שיקט אריין אייער אייגן געמאכטע קונצווערק צו:

845.379.1161

BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM



שרה'לע פוקס, שלומי אייזנהארן, אדי און שלומי ראזענבערג



פנחס דוד און יושע'לע שטיינבערג



יוסי ראטה



כיתה א' שטעטל חדר



קילא ווייס



יוסי פרידריך



רחל'ע יאקבאוויטש



כיתה א' שטעטל חדר

# א מעשה פון תפלה

# גמאלון



מען גייט
שוין אהיים,
אלע קינדער
טוען זיך אן די
מאנטל



אייבערשטער
העלף איך
זאל טרעפן
מיין מאנטל



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
איך האב עס
געטראפן



אֵייבֶּערְשְׁטֶער
הֶעלְף מיין
קאזין זאל
ווערן א כלה



מזל טוב:
מיין קאזין
איז געווארן
א כלה



שְׁכֹּחַ
אֵייבֶּערְשְׁטֶער
עס איז שוין די
חתונה

געמאלן: רבקי וועבערמאן תחי'

געבעטן: חי' אסתר יאקאבאוויטש תחי'

געמאלן: רבקה יאקאבאוויטש תחי'

שיקט אריין אייער מאלערײ צו:

845.379.1161 | BRESLEVOFFICELIBERTY@GMAIL.COM

# געשעעניש

אינערהאלב קהילת היכל הקודש ברסלב





קביעת מזוזה אויפן נייע טיר פונעם ביהמ"ד און פון דער ראש ישיבה'ס אפיס אין שטעטל - ד' ויצא

קרעדיט: נפתלי זאבעל





א בליק אריין אין די אפיסעס פונעם קרן הדפסה אין שטעטל - ד' ויצא תשפ"ו











**פרייליכע חתונה פון החתן ארי בערגער נ"י עב"ג מו"ה שמחה סאלז הי"ו אין ישיבה - א' ויצא**

קרעדיט: אייזיק ראטה, יוסי פרערויא,






**גרויסארטיגע חלוקה ביים בית התבשיל אין שטעטל - עש"ק ויצא**

קרעדיט: אייזיק ראטה









**חתונה פון החתן יודל הי"ו בן מו"ה יואל שעכטער הי"ו עב"ג מו"ה דוד יעקב יאקאבאוויטש הי"ו אין יבנאל - ד' ויצא**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש







**פרייליכע חתונה פון החתן שלום אלי׳ הי״ו בן מו״ה משולם פייש פעלבערבוים הי״ו עב״ג מו״ה משה אהרן שפילמאן הי״ו אין ישיבה - ד׳ ויצא**

קרעדיט: מאטי ראזענפעלד, שלמה האממער



**א בליק אריין וויאזוי דער ראש ישיבה שליט״א גיבט א שיעור פאר די בחורים אין היכל ראזענבערג אין שטעטל - ד׳ ויצא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



**ביים פארלערנען גמרא פאר די בחורים אין ישיבה - ג׳ ויצא**

קרעדיט: יוסי פררוויא





די קינדער לערנען פלייסיג אינעם כולל בוקר אין שטעטל - ה׳ ויצא

קרעדיט: אייזיק ראטה





פאנאראמישע בילד פון זון אויפגאנג אין שטעטל - ה׳ ויצא

קרעדיט: אייזיק ראטה



א בליק אריין ביים בית הדפוס אין בני ברק - ג׳ ויצא

קרעדיט: לייבי ראטה



דער ראש ישיבה שליט״א אין א שמועס מיט מו״ה
אלימלך שארף שליט״א אין ישיבה - ה׳ ויצא

קרעדיט: אייזיק ראטה







**אבות ובנים אין ביהמ"ד היכל הקודש בני ברק - מוצש"ק ויצא**

קרעדיט: איציק מענדלאוויטש





**תלמוד תורה היכל הקודש טבריה אויף א נסיעה צו מקומות הקדושים - א' וישלח**

קרעדיט: שלמה טייטלבוים











**א טאג אין ישיבה: שחרית\שיעורים כסדרן\מעריב\ריקודים\שמועסן - ה' ויצא**

קרעדיט: אייזיק ראטה



זכותים בספר
פרק א' מו"ה דוד טשינגל הי"ו
פרק ב' מו"ה אפרים פעלדמאן הי"ו
פרק ג' מו"ה שלום יצחק מאסרי הי"ו
פרק ד'
פרק ה'
פרק ו'
פרק ז'
פרק ח'
פרק ט'
סֵפֶר
אֶרֶךְ אַפַּיִם
אִידִיש
מהדורת היימליך
זכות פרק
$1,200
זכות ספר
$500
קרן הדפסה
היכל הקודש ברסלב
צו קויפן א זכות אינעם
ספר ווענדט אייך צו:
מו"ה לייבי ראטה הי"ו
347.578.4449
*sruliHeskel